STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09213

TSERISENE KEYTN

Alexander Pomerantz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. פאמעראנץ

צעריסענע קייטן

אַ בריוו צו די לייענער

„צעריסענע קייטן" איז ווי „אַ מיידל פון מינסק" און „קאַווקאַז" מיין צושטייער צום גרויסן יום־טוב פון 25 יאָר סאָוועטן־פאַרבאַנד. כ׳שרייב די שורות און מ׳דרוקט דאָס בוך אין חודש פעברואַר, 1943, ווען עס ווערן געפייערט דער 25טער געבורטסטאָג פון דער רויטער אַרמיי און דער געבורטס־טאָג פון דעם פאָטער פון דער אַמעריקאַנער רעפּובליק, דזשאָרדזש וואַשינג־טאָן. די רויטע אַרמיי זעצט פאָר וואַשינגטאָנ׳ס קאַמף פאַר פעלקער־פרייהייט. דאָס בוך ווידמע איך דעריבערביידע יובילייען.

דער גרעסטער טייל פונים בוך איז פאַרנומען מיט עסייען וועגן דעם, וואָס „ערשט נעכטן איז עס געווען...", וועגן איינעם פון די שענסטע קאַפּיט־לען אין דער געשיכטע פון דער רויטער אַרמיי. דאָס זיינען די יאָרן 1940־1941, ווען „די רויטע אַרמיי איז דעם גרענעץ אַריבער" קיין ליטע, לאַטוויע, עסטאָניע, מערב־ווייסרוסלאַנד, מערב־אוקראַינע, צפון־בוקאָווינע און בעסאַ־ראַביע און „צעריסן די קייטן", באַפרייט מיליאָנען פון די פאַרשיידענע פעל־קער, אַריינגערעכנט עטלעכע מיליאָן אידן.

אָט־דער קאַפּיטל ווערט איצט באַזונדערס אַקטועל, ווען די רויטע אַרמיי דערנעענטערט זיך ווידער צו יענע גרעניצן און טראָגט דאָס מאָל באַפרייאונג פון די נאַציסטישע קאַניבאַלישע קייטן.

אין דעם בוך געפינען זיך נאָך אַנדערע מאַטעריאַלן פון אַ דאָקומענ־טאַלן כאַראַקטער וועגן די באַציאונגען צווישן די אידן פון אַמעריקע מיט די אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און וועגן סאָוועטישן לעבן און קאַמף בכלל.

צוליב דעם וואָס די מערסטע עסייען זיינען געדרוקט געוואָרן אין צייטונגען און זשורנאַלן (אין פאַרבינדונג מיט די טאָג־טעגלעכע קאַמפן פון דער געגעבענער צייט), איז ערטערווייז פאַרבליבן דער פּאָלעמישער טאָן, דער פייער פון גערזולשאַפטלעכן שלאַכט־פעלד. אָבער אויך „ביכער זיינען וואָפן"...

דאָס נאָכפאָלגנדיגע זאַמלונג פון מיין „5־ביכער־פּלאַן" וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט זיין „אינזשענערן פון נשמות" (אָפּהאַנדלונגען וועגן דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור). ער וועט זיך שליסן מיט: „אַ רייזע אין דער צוקונפט".

איך דאַנק אַלע אָרגאַניזאַציעס או ןאיינצלנע מענטשן, וואָס האָבן גע־האָלפן און וועלן העלפן אין דער פאַרשפּרייטונג פון די ביכער. דע ראיינצל־פאַרקויף פּרייז בלייבט 35 סענט. אַדרעסירט:

A. POMERANTZ, 314 GARFIELD PL., BROOKLYN, N. Y.

אָדער קער־אָף „מאָרגן־פרייהייט".

א. פּאָמעראַנץ.

ערשט נעכטן איז עס געווען...

(אָנשטאָט אַ פאָרוואָרט)

ווילנע, קאָוונע, בירזש, אַליטע, ווילקאָווישק, קיידאַן, מאַריאַמפּאָל, פּאָנעוועזש, טאַווריק, טעלז, שאַוול, לאַזדעי, ווילקאָמיר...

נעמען פון אַזעלכע ליבע, נאָענטע, אידישע שטעט און שטעטלעך. און נאָך ליבער זינט פאַראַיאָרן, ווען זיי זיינען געוואָרן סאָוועטיש און אַ ניי גליקלעך לעבן האָט זיך פאַר זיי אָנגעהויבן. די קייטן פון די פריערדיגע שקלאַפּערישע פּאָגראָם־רעזשימען זיינען צעריסן געוואָרן און עס איז אויפגעגאַנגען אויף די ליטווישע פאַרוואָלקנטע הימלען דער פאַרביגער סאָוועטישער רעגנבויגן, וואָס האָט אָנגעזאָגט אַ נייעם בראשית... אַ ניי לעבן פאַר אַלע איינוואוינער פון ליטע און באַזונדערס פאַר די ליטווישע אידן.

און וויפיל נייעס און גוטס און שיינס איז פאָרגעקומען אין דעם ערשטן סאָוועטישן יאָר אין די ליטווישע שטעט און שטעטלעך! ווער קאָן דאָס אַלץ אויסרעכענען. מיר האָבן עטוואָס וועגן דעם שוין געשריבן. די „מאָרגן־פרייהייט” האָט אויך געדרוקט אַ סך בריוו פון די אידן אין די באַפרייטע ליטווישע שטעט און שטעטלעך צו זייערע קרובים אין אַמעריקע.

און געדאַרפט וואָלט מען גאָר איצט שרייבן וועגן דעם ערשטן יובילײ, וועגן ערשטן יאָר פון דער סאָוועטישער ליטע, אונטערציען סך הכל'ען פון די אומגעווייגלעכע דערגרייכונגען אויף אַלע געביטן פון עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועגן ערשטן יאָר פון דער סאָוועטישער אידישער שול אין ליטע, וועגן ערשטן יאָר פון דער סאָוועטישער אידישער קולטור אין ליטע, א. אז. וו. א. אז. וו. און וועגן די פּלענער און צוגרייטונגען צו באַרייכערן, פאַרשענערן און נאָך פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די אידישע פאָלקס־מאַסן אין דער באַפרייטער סאָוועטישער ליטע.

אָבער, פּלוצלינג איז דער סאָוועטישער ליטווישער הימל צוריק פאַרוואָלקנט געוואָרן. מיט אומבאַשרייבלעכן ווייטאָג האָבן מיר גאָר געלייענט וועגן אַ „געטאָ” פאַר אידן אין קאָוונע, וועגן „געלע לאַטעס” פאַר אידן אין ווילנע. דער נאַצישער קאָשמאַר האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער ליטע. דער גרעסטער המן אין דער וועלט־געשיכטע איז אויף אַ באַרבאַרישן אופן באַפאַלן די גרעניצן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַרנומען גאַנץ ליטע.

דער גרעסטער טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג איז אַנטלאָפן

און אָפּגעטראָטן צוזאַמען מיט די רויטע אַרמייען טיפער אין לאַנד. אַזוי ווערט איבערגעגעבן. אָבער קלאָר איז אויך, אַז דער חורבן איז דערווייל זייער גרויס. כאָטש מיר זיינען זיכער, אַז דאָס איז בלויז אַ צייטווייליגע, פאַרבייגייענדיגע דערשיינונג, אַן עפּיזאָד אין דעם גרויסן וועלט־געראַנגל. די נאַצי־האָרדעס וועלן פאַרטריבן ווערן און דער ליטווישער הימל וועט ווידער אויפשיינען מיט אַלע קאָלירן און חנ'ען. אָבער דערווייל ביילט זיך די פּויסט, פאַרקלעמט זיך דאָס האַרץ פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס איז באַפאַלן אונזערע ברידער און שוועסטער פון ליטע, ווי פון פּוילן און אַלע אַנדערע ערטער, וואָס איז דער נאַציישער בלוטיגער קריגס־מאַשין דערווייל געלונגען צו פאַרכאַפּן. מיר האָפן, און דאַרפן טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך צו העלפן, אַז די רויטע אַרמיי און די אַנדערע אַנטי־נאַצי קעמפער זאָלן וואָס שנעלער צעשמעטערן דעם נאַציישן המן און מאָנסטער, וואָס דראָעט איצט דער גאַנצער וועלט.

:: :: :: ::

די „מאָרגן־פרייהייט" האָט ניט לאַנג צוריק געקראָגן צוגע־שיקט אַ פּעקל נומערן פון דער קאָוונער אידישער סאָוועטישער צייטונג „עמעס", פון 7טן ביז'ן 31טן מאַי, — דריי וואָכן פאַר דער נאַציישער אַטאַקע אויף די סאָוועטישע גרעניצן. די בלעטער זיינען אָנגעפילט מיט'ן נייעם אימפּעט פון ברויזנדיגן סאָוועטישן פרייען לעבן. די בלעטער זיינען אָנ־געפּיקעוועט מיט ידיעות וועגן נייע פאַבריקן, נייע שולן, קלובן, אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס, נייע ביכער, וועגן פרילינג־פּאַרזיי, וועגן פאַרבעסערן, פאַרשענערן, באַזאָרגן, וועגן צוגרייטונגען פאַר נייע דערגרייכונגען.

עס וואַרפן זיך אויך כסדר אין די אויגן די ווערטער „נייע", „ערשטע", „פאַרבעסערן", „באַזאָרגן", „זיכערן", „צוגרייטן", „בויען", „פייערלעך" א. אז. וו.

אָבער דאָס מיינט ניט, אַז מען האָט דאָרטן לחלוטין ניט געוואוסט וועגן דער לויערנדיגער געפאַר. די סאָוועטישע פירער האָבן ביז דער לעצ־טער מינוט געוואָרנט וועגן די מעגלעכע פּלוצימדיגע „טריקס" פון די שונאים און גערופן צו זיין שטענדיג צוגעגרייט צו באַגעגענען די געפאַר. און ניט צופעליג געפינען מיר אין קאָוונער „עמעס" פון 7טן מאַי די מעל־דונג „וועגן באַשטימען דעם חבר י. וו. סטאַלין אַלס פאָרזיצער פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן פון פססר" און אין דעם לעצטן נומער פון 31טן מאַי דעם „באַפעל נומער איינס איבער דער גענן־לופט־פאַרטיידיגונג פון דער שטאָט קאָוונע". ערשט איצט זעט מען, אַז די באַשטימונג פון סטאַ־לין'ען איז געווען ניט קיין צופאַל, ווי די גענן־לופט־פאַרטיידיגונג איז ניט געווען קיין שפּיל אָדער קאַפּריז.

די נומערן פון קאָוונער „עמעס" זיינען שוין איצט היסטאָרישע. דעריבער וואָלט זיך וועלן טיילן מיט אונזערע לייענער דעם רייכן אינהאַלט פון די צייטונגען. אָבער מאַנגל אין פּלאַץ וועלן מיר פּרוּוון איבערגעבן

כאַטש געוויסע קעפּלעך פון יעדן נומער, כדי די לייענער זאָלן דערפילן דעם גייסט און שטימונג פון יענעם לעבן, וואָס איז שוין איצט געוואָרן פאַרגאַנגענהייט.

7 טער מאי. אַ באַשרייבונג פון די ערשט־מאַיאיגע פייערונגען אין די ליטווישע שטעט און שטעטלעך, ווי שאַוול, קיידאַן, אַליטע, ווילקאָמיר, לאַזדיי, פּרין, פּלונגע, מאַליאַט, טאַרגין, אוליאַן און אַנדערע. 510 טויזנט רובל אויף באַפּוצן ווילנע מיט גרינס. רעמאָנט פון ברוקן און טראָטואַרן. פּרעמירט דעם ווילנער טעלעפאָן־אינפאָרמאַטאָר, דעם אידן י. גאַרמיזע מיט׳ן אויסערגעוויינלעכן זכרון. 2טער גרויסער קאָנצערט פון אידישן טעאַטער געזעלשאַפט־כאָר אין גרויסן זאַל פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין קאָונע. ווילנער אידישער מלוכה־טעאַטער פירט אויף „פלאַטאָן קרעטשעט", רעזשי: מ. וויסקינד. ווילנער אידישער מאַריאָנעטן־טעאַטער „מיידים" פירט אויף „רויטער פּעפער".

8 טער מאי. צענטער אַרויסלאָז פון מאָסקווער אידישער טעאַטער־שול. דערפאָלג פון פּרץ מאַרקיש׳עס פּיעסע „כל נדרי". די ברידערלעכע זאָרג און די ברידערלעכע הילף (וועגן שעפטום פון פאַבריקן איבער אידישע פאָלקס־שולן). אַ פאַבריק וואָס צעוואַקסט זיך. צונויפקום פון די אַרבקאָרן פון „עמעס". פּרעמירט פאַר גוטער אַרבעט. סאָצגעוועט צווישן ווילנער קינדער־גערטנער און קינדער־היימען. אַרבעטער־קאָלאָניע אין ווילנער פאָרשטאָט ווילטשע־לאַפּע בויט דריי הייזער־בלאָקן. היגיענע אויף די ווילנער הויפן.

10 טער מאי. וועגן דערשינענעם זאַמלבוך פון די אידישע שרייבער אין ליטע „בלעטער 1940". דער סאָציאַליסטישער אינדוסטריע און בויאונג—קוואַליפיצירטע אַרבעט־רעזערוון. מיט פרייד שטעלט זיך די יוגנט אין די פּריזיוו־קאָמיסיעס. קאָונער אידישער מלוכה־טעאַטער פירט אויף „מאַלציית". 11 מיליאָן רובל אויף סאַנאַטאָריעס פאַר טובערקולאָזע. אין ווילנע האָבן זיך אָנגעהויבן די זומער־אַרבעטן אויף צו פאַרשענערן די שטאָט. אידישע פּראָגראַמען אין ווילנער ראַדיאָ: זונטאָג — „רעקעקעם" פון איציק קיפּנים; דינסטאָג — אַ פאָרטראָג פון דוד אומרו וועגן שלום עליכם׳ען; שבת — אַ קאָנצערט געווידמעט יואל ענגעל׳ן און זיינע שאַפונגען.

11 טער מאי. עס נעמט אַ סוף צו די פינסקער בלאָטעס (די גרויסע מעליאָראַציע־אַרבעטן אין פּאָליעסיע). די הכנות צו די לערמאָנטאָוו־פייערונגען. אַ נייער פילם וועגן מאַקסים גאָרקי. דערפונדן נייע מעטאָדן צו הויבן די גערעטעניש. אומזיסטע רייזעס פאַר קינדער צום דרוסקעניקער קוראָרט. דער ווילנער אוניווערסיטעט. קינסטלערישע זעלבסטטעטיגקייט פון שילער. באַפרייטע קינדער פון אַ יתומים־הויז. אַן אומזיסטע באָד. די ערשטע אָלימפּיאַדע. באַסקעטבאָל־מייסטערשאַפטן פון

מיטל־שולן. פינאַלן פון די מייסטערשאַפטן פון די ליטווישע באָקסער (אַ צאָל פון זיי אידן). היינט וואָלאָסיפּעדיסטן־געיעג.

13 טער מאַי. העלפן דורכפירן דעם ערשטן פרילינג־פּאַרזיי אין ראַטן־ליטע. שלום עליכם אָוונט אין קאָוונע. קאָנצערט פון ראָזאַ טאַמאַרקינאַ אין ווילנער מלוכה'שער פילהאַרמאָניע. אַ צענדליג לידער, אַרטיקלען וועגן שלום־עליכמ'ען. שול־אָלימפּיאַדעס. די ערשטע שריט פון די ביישטאַטישעווירטשאַפטן. פייערלעכע באַגעגעניש מיט קעמפער פון רעפּובליקאַנישער שפּאַניע.

14 טער מאַי. דער באַלעגאַלע גלייכט אויס די פּלייצעס. אויסגערעמאָנטירט און אויסגעברייטערט ווילקאָמירער קרייז־שפּיטאָל. ני־זאַמי אין אידיש. אַ פּיעסע „כעלמער חכמים". אַ יובילוי־מאַלעריי אויס־שטעלונג. נײַ לידער־בוך פון מ. שטורמאַן: „אַ לויב דעם פאָלק". צווייטע אויסגאַבע פון וועוויק ראַבינאָוויטש'עס בוך „מיין ברודער שלום עליכם". נייע אויפפירונג פון שלום עליכמ'ס „בלאָנדזשענדיגע שטערן". אַלעקסאַנ־דער בלאָק אין אידיש. עס ווערן אויסגעבילדעט נייע מעדיצינישע קאַדרען. אַ גאַס אויפן נאָמען פון אַ. גאָלדפאַדען אין ווילנע. נייער וואַרשטאַט פון געפלאָכטענע זאַכן. נייע בוי־קורסן. נייע אַמבולאַטאָריע פאַר קראַנקע.

15 טער מאַי. צו די זעלבסט־טעטיגקייט־קרייזלעך, פאָלקס־קינסטלער און דער געזעלשאַפט. מיינע קינדער וועלן ניט זיין קיין באַ־טראַקעס. די סאָצגעוועט־כוואַליע צום 21טן יולי כאַפּט אַרום אַלע מער פאַבריקן און אונטערנעמונגען. פון 12טן מאַי האָט אָנגעהויבן איר טע־טיגקייט די קינדער־קליניק ביי דעם געזונט־שוץ־אָפּטייל פון דעם קאָוונער אויספירקאָם.

16 טער מאַי. הויבן די קולטור פון די אַרבעטנדיגע, פאַר־שטאַרקן די קולטור־אַרבעט. די קולטור־אַרבעט האָט זיך אַ רוק געטאָן פאָראויס. פאַרבעסערן די היגיענישע באַדינגונגען. אַ נייע וואורשט־פאַב־ריק. אַ נייער לערער־אינסטיטוט אין ווילנע. דאָס גרויסע גליק פון אַנאַ פאַוקער.

17 טער מאַי. די לעדער־אינדוסטריע אין אויפשטייג. וויל־קאָמירער שוך־פאַבריק גרייט זיך פאַרדרייפאַכן די פּראָדוקציע. פאַרגיכערן דעם דירות־בוי פאַר קיידאַנער אַרבעטנדיגע. פרילינגס־פאַרזיי אין קאָוו־נער קרייז. נייע אויסגאַבעס פון מלוכה־פאַרלאַג.

18 טער מאַי. צוגרייטונגען צו דער קונסט־דעקאַדע. פאַרזיי־אַרבעטן אין דער רעפּובליק גייען מיט'ן פולן טעמפּ. אין ביאַליסטאָקער שרייבער־הויז (עס ווערן אויסגערעכנט די פאָלגנדיגע אידישע שרייבער: אפרים קאַגאַנאָווסקי, זילבורג, בערלינסקי, בורשטין, מיצמאַכער, אָקרוטני, העלער, עמיאָט, רובינשטיין, קנאַפּהיים, יאַנאַסאָוויטש, פוקס, מאַרק, ספּאַרד, ריכטער, סמאָליאַר, דרייער, בורשטיין, בינעצקי, ראַפּ, גאָרדאָן, מייזלער,

האלטער. אַנגעקומען קיין ווילנע פּאָעטן און וויסנשאַפטלער פון ווייס־רוסלאַנד. די צוגרייטונג צו דער קונסט־אָלימפּיאַדע אין ווילנע.

20טער מאַי. געזונטע און מאָדערנע וואוינונגען פאַר די אַר־בעטער (אַ בלאָק פון נייע וואוינונגען, אַ נייער הייזער־בלאָק פאַר'ן פאַר־ענדיגן, 40 מאָדערנע און געזונטע וואוינונגען, דער פּראָנט־בנין — פאַר קולטור־צוועקן, אַלע באַדינגונגען פאַר אַ גליקלעכן לעבן). באַזייטיגן אַלע שטערונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון בוי־אַרבעטן. אַליטער קרייז וועט היי־יאָר פּראָדוצירן מער ווי פינף מאָל אַזוי פיל ציגל ווי פאַראַיאָרן. אַק־טיוויזירן דעם אידישן שרייבער! אין דער קינאָ־סטודיאָ פון דער ליט־ווישער סאָוועטישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק (צוויי נייע פילמס, „אין ליטווישן דאָרף" און דער „ניעמאַן"). בירא־בידזשאַנער שרייבער־גרופּע באַהאַנדלט די צוויי־יאָריגע אַרבעט פון זשורנאַל „פאָרפּאָסט", וואָס גייט אַרויס אין בירא־בידזשאַן. דער בערדיטשעווער שטאַטישער טעאַטער איז אָנגערופן געוואָרן אויפ'ן נאָמען פון שלום־עליכם. אין ווילנע ווערט פאַר־ענדיגט דער בנין פאַר'ן „פּאַלאַץ פון די פּיאָנערן". אַ נייער בנין פאַר'ן ווילנער אַגראָנאָמישן אינסטיטוט. אידישע פּראָגראַמען אין ווילנער ראַדיאָ: זונטאָג — אַ מאָנטאַזש פון ל. קוויטקאָ'ס קינדער־לידער; ש. בעלים — „פּרץ ווי מיר זעען אים" — פאָרטראָג; א. סוצקעווער — י. ל. פּרץ (ליד); ליובע לעוויצקי — אידישע סאָוועטישע פאָלקס־לידער. דער באַרג־אַרויף פון אַ פאַבריק. די פאַראָרדענונג וועגן אורלויב פאַר אַרבעטנדיגע, וואָס לערנען זיך, מוז דורכגעפירט ווערן.

21טער מאַי. געעפנט אין ווילנע אַ צענטראַלע ביבליאָטעק פון די פּראָפאַראייגען (יוניאָנס). די וועגן פון דער סאָציאַלער רעקאָנ־סטרוקציע פון די אידישע מאַסן אינ'ם ראַטן־פאַרבאַנד. ס'ווערן אָנגע־נומען שילער אין דער מלוכה'שער באַלעט־שול. דאָס רעפּובליקאַנישע הויז פאַר פאָלקס־שאַפונג אין ווילנע האָט זיך אַריבערגעקליבן אין אַן אייגענעם רחבות'דיגן לאָקאַל מיט אַ סך צימערן און זאַלן. גראַנדיעזער טאַנץ־אָוונט, איינגעאָרדנט פון שילער־ראַט ביי דער אידישער אָוונט־שול פאַר דערוואַקסענע. צום 25טן יאָרטאָג פון שלום עליכמ'ס טויט. נייע נעמען פון ווילנער גאַסן: פּרץ גאַס, מענדעלע גאַס, שלום עליכם גאַס, גאָלדפאַדען גאַס, שימעלעוויטש גאַס, מ. אַנטאָקאָלסקי גאַס, מ. גאָרקי גאַס, מאַיאַקאָווסקי גאַס, י. סווערדלאָוו גאַס, גרייפּענבערגער גאַס, גאַס פון די פינף קאָמונאַרן, א. אַז. וו. צום יאָרטאָג פון באַפרייען ליטע. קאָנצערטן פון דוד אויסטראַך אין קאָוונע און ווילנע.

22טער מאַי. צוגאַסט ביי אידישע פּויערים. הויבן דעם סאַניטאַרן צושטאַנד פון קאָוונע. יאַנקל יאָלק און וואָלף סעגאַל — אונ־זערע באָקסער פון ליטע און טבילסי (טיפליס). געשפּרעך מיט'ן פּראָ־פעסאָר און אָרדן־טרעגער דוד אויסטראַך. ליטעראַרישער אָוונט פון די אידישע שרייבער אין ראַטן־ליטע.

23 טער מאי. דער וואוקס פון קאָוונער אינדוסטריע און שפייז־האנדל. דער איבערבוי פון ביבליאָטעק־וועזן אין ווילנע (אידישע ביבליאָטעקן אין ראטן־ליטע, די געוו. סטראשון־ביבליאָטעק — „פּאָלקס־ביבליאָטעק נומער 4", די גרעסטע וויסנשאפטלעכע ביבליאָטעק אין ווילנע; וואס פעלט דער מלוכה'שער עפנטלעכער קינדער־ביבליאָטעק? 92 נייע ביבליאָטעקן וועלן זיך עפענען היינטיגן יאר צווישן זיי אויך אידישע). ווילנער אידישער מלוכה־טעאטער האט איינגעשטעלט א נאָענטן קאָנטאקט מיט די ארבעטנדיגע. 700 שילער זיך געשטעלט צום עקזאמען אין ווילנער מוזיק־שול, צווישן זיי 300 אידן. די שפּראך פון ציפער (אונזער סאָציאלע פארזיכערונג).

24 טער מאי. ערשטער שול־יאר געענדיגט — גוט צוגרייטן זיך צום צווייטן סאָוועטישן לערן־יאר. פאר א בעסערער ארבעט פון קאָוונער אייזנבאן־קנופּ (קאָוונער סטאנציע מוז אויסגעברייטערט ווערן!). צו די סאָצפארמעסטן אין די שולן. די עקזאמענעס אין דער סאָוועטישער שול. דער גייסט אין דער נייער שול. דער אידישער שרייבער מ. בורשטין אין קאָוונע.

25 טער מאי. דער אידישער קאָלווירט „מאָלאָטאָוו" — איינער פון די בעסטע אין קרים (פון אונזער מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט). אי־בערבליק פון די נייע דערגרייכונגען. עליע וואָלפסאָן, בריגאדיר פון קאָל־ווירט מאָלאָטאָוו, אָנטיילנעמער פון דער אלפאראבאנדישער לאנדווירטשאפט־לעכער אויסשטעלונג. פון פראנצויזישע קאָנצענטראציע־לאגערס — אין א סאָוועטישער ליטע. די ערשטע וועבעריי אין ווילנע. ווילנע הויבט אָן דעם ספּאָרט־סעזאָן. די ארבעט פון די ווילנער שפּאר־קאסעס.

27 טער מאי. באשלוס פון דער ליטווישער סאָוועטן־רעגירונג וועגן שאפן בעסערע באדינגונגען פאר די שילער אין די שולן פאר דער־וואקסענע. פּרעץ — דער גרויסער קינסטלער און דענקער. רעפּובליקאנישע קונסט־אָלימפּיאדע פון שילערישער זעלבסט־טעטיגקייט. 13 נייע שעפע־רישע אויפטוען פאר'ן אויפבוי פון סאָציאליזם (די ערשטע בארעטונג פון די אידישע שרייבער אין ליטע). 7 לידער פון הירש אָשעראָוויטש, שלום זשירמאן, יעקב גאָטליב, לאה רודניצקי, גרי קוניסקי, איציק שמערקאָוויטש, ד. וו. מייעראָוויטש און א דערציילונג „צו באפרייטער ערד" פון א. גאָטליב. ווילנער אינסטיטוט פאר אידישער קולטור וועט דעם 1טן יוני עפענען די פּרץ־אויסשטעלונג אין לאָקאל פון אינסטיטוט. אידישע פּראָגראמען אויף דער ווילנער ראדיאָ: דינסטאָג — שילער לייענען זייערע ארבעטן וועגן פּרצ'ן; דאָנערשטאָג — ערשטער צוזאמענפאר פון די אידישע שרייבער אין ראטן־ליטע; פרייטאָג — ליטערארישע איבערגעבונג „גיטל פּוריש־קעוויטש" פון שלום עליכם, געלייענט דורך דער ארטיסטין פון ווילנער אידישן מלוכה'שן דראמטעאטער פרידע וויטאלינע.

28 טער מאי. מיר זאָרגן פאר'ן ביבליאָטעק־וועזן אין ל. ס. ס.

ס. ר. (די ביבליאָטעקן אין קאָוונע; אין דוסיאַט ברענגט מען אין אָרדענונג די אידישע ביכער).

29 טער מאי. קאָוונער טרעגער ווילן אַן אַרטעל. רוסיש־אידישער רעכטלעך־אַדמיניסטראַטיווער ווערטער־בוך דערשינען אין קיעוו (אַרויסגעגעבן פון אַ גרופּע טוער פון דער לינגוויסטישער סעקציע פון קאַבינעט פאַר אידישער קולטור ביי דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אונטער דער רעדאַקציע פון ע. ספּיוואַק). מען דאַרף אַרבעטער אין ווילנע.

30 טער מאי. פאַרבעסערן דאָס דורכפירן די אַרבעט־שוץ און זיכערקייט־טעכניק. צוגרייטונגען פון נייע לערער. אַ יאָר אַרבעט פון דער נייער סאָוועטישער שול. פריץ־אָוונט אין שאַט. אין לעמבערג הויבט אָן דערשיינען דעם 1טן יוני אַ טעגלעכע אידישע סאָוועטישע צייטונג אונטערן נאָמען „דער רויטער שטערן" (רעדאַקטאָר — גערשענפעלד). ווילנער אידישער מלוכה־טעאַטער פּירט היינט אויף „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", מוזיקאַלישע קאָמעדיע פון י. גערשענזאָן, רעזשי: ל. שריפטזעצער.

31 טער מאי. באַפעל נומער 1 איבער דער געגנלופט־פאַרטיידיגונג פון דער שטאָט קאָוונע. פּאַנעוועזשער אונטערנעמונגען אַריבערגעשטיגן פּראָדוקציע־פּלענער פאַר'ן חודש מאַי. אַרום דריטהאַלבן מיליאָן רובל אויף קינסטלערישער זעלבסט־טעטיגקייט אין ליטע. די קינאָ־קונסט פאַר'ן פאָלק. דער נייער וועג פון דעם באַלמעלאָכע. קיידאַן מוז ווערן זויבער און שיין. מיט פרייד צו די עקזאַמענס.

:: :: :: ::

מיר האָבן מער ניט קיין פּלאַץ אפילו פאַר קעפּלעך. מיר דאַרפן אויך וויניג צוגעבן צו די געבראַכטע קעפּלעך. זייריידן פאַר זיך אַליין. זיי זיינען אויך היסטאָריש, ווי דאָס זיינען שוין די נומערן פון קאָוונער „עמעס", אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען.

מיר גלויבן און זיינען איבערציינגט, אַז דער איבעררייס אין דער דערשיינונג פון דעם קאָוונער „עמעס" איז אַ צייטווייליגער. מיר האָפן, אַז דער איבעררייס וועט זיין אַ קורצווייליגער, אַז דער קאָוונער „עמעס" וועט ווידער דערשיינען נאָך פאַרגרעסערט, באַרייכערט און פאַרשענערט, אַז דאָס נייע אידישע לעבן אין דער צוקונפטיגער סאָוועטישער טאָפּלט־באַפרייטער ליטע וועט ווערן טאָפּלט פאַרשענערט און באַרייכערט.

אויגוסט 7, 1941.

צעריסענע קייטן

אזוי פיל זון — אזוי פיל רעגנבויגן,
אזוי פיל פרילינג מיטאמאל,
אזוי פיל פרייד און גליק עס שטראמט אריין אין מיינע אויגן,
אזוי פיל ליד אין יעדן מענטשן־קול.

אזוי שרייבט דער אידישער דיכטער משה בראדערזאן וועגן נייעם לעבן אין די געגנטן פון געוועזענעם פוילן, וואס זיינען איינגעגלידערט געווארן אין דעם סאוועטן־פארבאנד. און נאך פוילן זיינען באפרייט געווארן ליטע, לאטוויע, עסטאניע, בעסאראביע.

און אט שרייבט ניט קיין דיכטער, נאר א רעפארטער, וואס גיט אפילו ניט אן זיין נאמען, אין דער קאוונער „אידישע שטימע", פון 5טן יולי, 1940, וועגן דעם מיטינג פון די קאוונער ברייטע פאלקס־מאסן, וואס איז איינגעארדנט געווארן דורך דעם „פאלקסבלאט":

„ביזט, זאגסטו, מיד פון די איבערלעבונגען; ביזט, זאגסטו באוועגט צו דיינע טיפסטע טיפענישן פון דאס געזעענע. טא גיי, גיי און צעטראג איבער ליטווישער שטאט און שטעטל, איבער אידישע היימען און אידישע הייזער די פרייד פון געוואונענעם גליק, דעם קלאנג פון צ ע ר י ס ע נ ע ק י י ט ן , דעם פרייהייט־גרוס פון צעכוואליעטע מאסן. גיי און זאג די אידישע ארבעטנדיגע מאסן, אז דאס פאלק האט זיין לאנד צוריקגעוואונען און דאס לאנד זיינע פארטריבענע און פארפייניגטע זין, זיינע צעטראטענע און צעשטויסענע רעכט, זיינע מיט געוואלד־דערוויטערטע פירער און וועגווייזער..."

אט־די פאעטיש־נביאישע שורות זיינען כאראקטעריסטיש פאר'ן נייעם לעבן אין ליטע, ווי פאר דעם צענדליג צופעליגע נומערן פון קאוונער „אידישע שטימע", פון 1טן יולי ביז'ן 26טן יולי, 1940, ווייל:

„אזוי פיל ליד אין יעדן מענטשן־קול".

דעם 15טן יוני איז די רויטע ארמיי פארשטארקט געווארן אין ליטע. דער אנטיסעמיטישער פאגראם־רעזשים פון סמעטאנא־סקוטשאס האט באלד צוזאמענגעבראכן. סמעטאנא אליין איז אנטלאפן קיין דייטשלאנד. עס האט זיך געשאפן א פאלקס־רעגירונג. מען האט דערוויילט דעם 14טן יולי א נייעם פאלקס־סיים, וואס האט באשלאסן צו ווערן די 13טע סאציאליסטישע רעפובליק פון סאוועטן־פארבאנד. און סוף יולי איז שוין ליטע



די אידישע שטימע
№ 158 (6605)
22־טער יאָרגאַנג ŽYDŲ BALSAS
דאָנערשטיק
11
יולי
Liepos mėn.
1940
ה
תמוז ת״ש
Kaunas, Štime
Kaunas, Lukšio 12
די יאָרן פון אונטערדריקונג װעלן זיך שוין מער ניט
זאל לעבן ברידערלעכע פֿריינט
פון אלע פֿעלקער אין ליטע

געווען א סאָציאַליסטישע סאָוועטישע רעפּובליק. אין די געציילטע עטלעכע וואָכן האָט ליטע דורכגעמאַכט א גרינטלעכע רעוואָלוציע אויף אַלע געביטן פון לעבן.

זינט די רויטע אַרבעטער־און פּויערים־אַרמיי האָט אַריינגעמאַרשירט אין ליטע האָט, דאָס לעבן אין לאַנד אָנגעהויבן זיך צו אַנטוויקלען מיט א נאָך ניט געזעענעם שטורמישן טעמפּאָ. אַלע לעבעדיקע שעפערישע כחות, וואָס די וואָלדעמאַראַס־סמעטאָנאַ רעזשימען האָבן אין משך פון א פּאָר צענדליג יאָר אונטערדריקט און דערשטיקט, האָבן ווי מעכטיגע שטראָמען זיך גענומען רייסן פון די טיפענישן פון פאָלק, טרייבנדיג שנעל פאָראויס די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון ליטע.

אויך די אידישע פאָלקס־מאַסן האָבן אויסגעגלייכט זייערע רוקנס, שטאָלץ אויפגעהויבן זייערע קעפּ און מאַרשירט אין א ברידערלעכן בונד מיט די ליטווישע, פּוילישע און אַנדערע מאַסן פון לאַנד אויף די וועגן צו דער ענדגילטיגער באַפרייאונג. דאָס פאָלק האָט גענומען זיין גורל אין די אייגענע הענט.

דער איבערגאַנג פון א פאַשיסטישן רעזשים אויף א סאָוועטישן, פון א קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג אויף א סאָציאַליסטישער איז פול מיט אוי־סערגעוויינלעכן דראַמאַטיזם. דאָס שפּיגלט זיך אויך אָפּ אין דעם צענדליג „אידישע שטימע" נומערן פון יענער צייט אין קאָוונע, וואָס מיר האָבן געלייענט.

און לייענענדיג דעם צאַפּלדיג־דראַמאַטישן מאַטעריאַל, הערט איר ממש „דעם קלאַנג פון צעריסענע קייטן, דעם פרייהייטס־גרוס פון צעכוואַ־ליעטע מאַסן". איר פילט „די פרייד פון געוואונענעם גליק", ווען „דאָס פאָלק האָט זיין לאַנד צוריקגעוואונען", ווען „דאָס פאָלק האָט גענומען זיין גורל אין די אייגענע הענט". איר פילט דעם הייסן אָטעם פון א רעוואָלו־ציאָנערער איבערקערעניש. און דעם קלאַנג, די פרייד און דעם געפיל ווילט זיך צעטראָגן, אָנזאָגן און איבערגעבן צו די אַמעריקאַנער היימען און הייזער פון די אידישע אימיגראַנטן פון די ליטווישע שטעט און שטעטלעך.

אַזוי פיל ליד אין יעדן מענטשן־קול —

און דערפאַר טרעפט איר אין דער צייטונג ניט נאָר לידער וועגן נייעם לעבן און בילדערישע, פּאָעטישע פּראָזע, ניט נאָר דראַמאַטישע קעפּלעך, נאָר א סך געגראַמטע לאָזונגען, ווי, צום ביישפּיל:

מיטין האַמער, נאָך דער סאָכע,
ביים וואַרשטאַט דער בעל־מלאכה,
אַרבעט־מענטש און פרוי פון היים
שטימען פאַרן פאָלק און סיים!

אָדער:

דער אַרבעטער־פאַרבאַנד
איז דער אַוואַנגאַרד —

זיין טראָט איז פעסט,
זיין האַנט איז האַרט.

אָדער:

לידער מעכטיגע, לידער נייע
זינגען מיר אַרבעטער און פויערים פרייע!
יעדעס ליד און יעדער שטראָף
זאָגט: איך טרוי! זינגט: איך האָף!

אָדער:

גייט און ווילט אין גאַנצן לאַנד
די זין פון אַרבעטער־פאַרבאַנד!

אָדער:

פאַרבאַנד פון אַרבעטער, פאָראויס!
אין יעדער שטאָט און דאָרף און הויז!

וואָס ציימונגס־קעפּ דערציילן...

און דאָס זעלבע שפּיגלט זיך אָפּ אין די וויכטיגסטע ציימונגס־קעפּלעך: „קאָוונע אונטער'ן צייכן פון די פייערלעכע טעג פון פעלקער־סאָלי־דאַריטעט און פריינטשאַפט מיט דער רויטער אַרמיי", „פאָלקס־מיטינג פון די אידישע אַרבעטנדיגע באַגריסט דעם ראַטן־פאַרבאַנד, די רויטע אַרמיי און די פאָלקס־רעגירונג", „פרייד־מיטינגען אין די פאַבריקן און אונטער־נעמונגען", „גראַנדיעזער מיטינג לכבוד פּאָליטישע אַרעסטירטע", „מיליטער־לייט, אָרגאַניזירט זיך!", „חברים אַרבעטער!", „ס'פאָלק נעמט איבער זיין גורל אין אייגענע הענט" (רעדע פון פּרעזידענט פּאַלעצקיס אויף נעכטיגן מיטינג פון אַרבעט און שכנים־פאַרבאַנדן), „ווי די פּראָנצויזן אַמאָל וועלן מיר דעם 14טן יולי שטורעמען די באַסטיליע פון אַלטן ליטווישן רעזשים (רעדע פון אינערן־מיניסטער געדווילאַ אויפ'ן מיטינג אין ספּאָרט האַלע)", „אומאויפהערלעכע ענטוזיאַסטישע מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס אין גאַנץ ליטע", „אידישער פאָלקס־מיטינג אין ספּאָרט־האַלע", „ליטווישע פויערים וועלן באַזוכן סאָוועטישע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע אויסשטעלונג אין מאָסקווע", „פאַר פאַרברידערונג פון די פעלקער, פאַר אַ 13טער סאָוועטי־שער סאָציאַליסטישער רעפּובליק", „הונדערטער טויזנטער פאָלקס־מענטשן באַגריסן די פּלאַטפאָרם פון אַרבעט־פראָנט", „דער וואָס שטימט ניט, איז אַ שונא; ער פאַרגינט ניט דעם פאָלק זיין גליק", „ברידערונג פון אַרבעט־פאָלק און אַרטיסטן", „זאָל לעבן די ברידערלעכע פריינטשאַפט פון אַלע פעלקער אין ליטע!", „די יאָרן פון אונטערדריקונג וועלן זיך שוין מער ניט אומקערן!" (ריזיגער מיטינג פון אידישע פאָלקס־מאַסן אין סלאָבאָדקע), „דער פרייהייט־ווינט פון מזרח האָט צעשטרייט דעם שטויב פון פאַשיזם", „גלייכע רעכט פאַר דער אַרבעטנדיגער פרוי!", „צו די אַרבעטער און אַר־בעטערקעס, פויערים און פויערטעס, מיליטער־לייט און אַרבעט־אינטעלי־

נענץ פון דער פרייער ליטווישער רעפובליק — צו אלע ארבעט־מענטשן!" (אויפרוף פון ארבעט־פארבאנד), „פרייד, פרייד, און א שיעור פרייד!", „פון די מארטירער ווילט דאס פאלק זיינע פירער!", א. אז. וו., א. אז. וו.

אזוי פיל ליד אין יעדן מענטשן־קול —

אזויפיל בילדערישקייט און געזאנג, פאעזיע און ליד האט איר גע־זען אין די געבראכטע ציטונגס־קעפלעך, וואס דערציילן אונז פון די גוואל־דיגע ענדערונגען, פון דער אפגעטאנענער ריזיגער ארבעט אין די געציילטע עטלעכע וואכן — אט־די צענדליגער ציטונגס־קעפלעך דערציילן אונז מער פון צענדליגער ביכער.

און וויפיל דערציילן אונז אשטייגער אזעלכע פראסטע, פראזאאישע קעפלעך, ווי „ארבעט־לוינען געהעכערט ביז 20 פראצענט", „פינאנס־מיניס־טער באשטימט ארבעט־קאסטן־קאמיסיע פעסטצושטעלן לוינען פאר אר־בעטער און אנגעשטעלטע", „אראפגעזעצט דירה־געלט 15—25 פראצענט (וויכטיגער באפעל פון פינאנס־מיניסטער וועגן נייע פרייזן אויף דירות, צימערן און אנדערע רוימען)", „פארזאמלונגען פון קאוונער ארבעטער (2000 שוסטער האבן זיך פארזאמלט אין ארבעטס־קאמער, פארזאמלונג פון די קצבים ארבעטער, פארזאמלונג פון קינא־ און טעאטער־ארבעטער, פארזאמלונג פון קאוונער הויז־וועכטער)", „באזייטיגט פאליציי־שעפן פון אלע קרייז־שטעט", „באפרייט ריכטער און פראקוראן", „באפרייט שטייער־אינספעקטארס", „דריי נייע גענעראלן", „ארויס דער ערשטער נומער פון אידישן באנייטן זשורנאל „שטראלן"", „לעקציעס און ראדיא וועגן סא־ציאליזם", „לעבעדיגער שאך שפיל", „פובליקירט געזעץ וועגן קאנפיס־קירן אייגנטום פון אנטלאפענע ליטווישע בירגער", „מ'בויט נייע שא־סייען", „בוי פון צעמענט־פאבריק", „נייע פאבריק פון עלעקטרישע לאמפן", „ענדלעך קומט אויך די שעה פון האנט־ווערקער!" (אויפרוף פון אידישן האנטווערקער־פארבאנד); „מאסן־מיטינג פון 1,200 קאוונער דינסטן", „א סוף צו פארפאלגונג און אויסזיכטלאזיגקייט פון קליינקרעמער! (אי־דישע קליינקרעמער און הענדלער!); „ערשטער עפנטלעכער קאנצערט פון סאוועטישע קינסטלער", „אידישע לערער קורסן", „אידישע סטודיע פאר שטים־אויסבילדונג", „נייע אידישע ביכער אנגעקומען", דער נייער וויצע־בירגערמייסטער פון ווילנע שלמה גאוונדא", „פאלקס־סיים האט אנגענו־מען ערד־רעפארם", „ווי אזוי דריי הויכגעשטעלטע דאמען האבן אנגעהויבן ריידן א געשמאקן אידיש", „דעלעגאציעס פון ארבעט־אינטעליגענץ, אר־מיי־פירער, סאלדאטן און יוגנט באגריסן פאלקס־סיים", „פליכטן און אויפ־גאבן פון פאלק־מיליץ", „פאראיין פון זשורנאליסטן", „פאליטישע עמי־גראנטן קערן זיך אום קיין ליטע", „נייע צייטשריפטן אין ווילנע", „נייע בירגערמייסטערס און וויצע־בירגערמייסטערס", „די גרויסע בשורה פאר די ארבעטנדיגע פון דארף", „וו. א. לענין וועגן אנטיסעמיטיזם", „לאמיר ענערגיש זיך נעמען צו א סאציאליסטישער אויפבוי־ארבעט", „שבת און

זונטאָג — אומזיסטע פאָלקס־קאָנצערטן", „טויזנטער אַרבעטסלאָזע ווערן שוין באַשעפטיגט ביי שטאַטישע אינוועסטיציע־אַרבעטן", א. אז. וו.

דער סך־הכל פון די אַלע קעפּלעך

מען העכערט לוינען, מען זעצט אַראָפּ דירה־געלט, די אַרבעטער אָרגאַניזירן זיך, אפילו די דינסטן אָרגאַניזירן זיך, און די האַנטווערקער, און די קליינקרעמער, מען ווילט ראַטן, מען פירט דורך אַן ערד־רעפאָרם, מען זעצט אַרונטער אַלטע בירגערמייסטערס און „דער נייער וויצע־בירגער־מייסטער פון ווילנע (איז) שלמה גאָווענדא", יאַנעווער אידישער טעאַטער־קרייז גיט אַ פאָרשטעלונג, און שבת און זונטאָג — אומזיסטע פאָלקס־קאָנצערטן, און ס'איז לעבעדיג, פריידיג, אַן אַ שיעור פרייד —
אזוי פיל ליד אין יעדן מענטשן־קול!

אָקט. 21, 1940.

צען טעג, וואָס האָבן אויפ־געשטורעמט ליטע

איך האָב געלייענט צען נומערן פון דער קאָוונער „אידישע שטי־מע". דאָס זיינען געווען 10 היסטאָרישע טעג, וואָס האָבן אויפגערודערט ליטע ביז'ן גרונט, ווען „דאָס פאָלק האָט זיין לאַנד צוריקגעוואונען".

אַט לייענען מיר אין „אידישע שטימע" די רעדע פון ל י ו ד א ס ג י ר א, דער באַרימטער 54־יאָריגער ליטווישער שריפטשטעלער און וויצע־בילדונגס־מיניסטער פון דער נייער פאָלקס־רעגירונג אויפ'ן מיטינג פון די קאָוונער אידישע פאָלקס־מאַסן, איינגעאָרדנט דורכ'ן „פאָלקס־בלאַט". ער איז אַרויסגעטראָטן צוזאַמען מיט דוד אומרו, אינזשענער א. קאַלאַדני, זימאַן, יהודית קאַמאַד, עליאַשעוו, לאַמדאַנסקי, א. א. און דער רעפּאָרטער פון „אידישע שטימע" דערציילט:

ליטווישער וויצע־מיניסטער פון בילדונג רעדט אויף אידיש

„פון אָנהויב רעדט ער (ליודאס גירא) אין ליטוויש, שפּעטער גייט ער אַריבער אויף אידיש, צוטראַגנדיג צום עולם אַן אמת'ן סורפּריז. ער דערקלערט:

„חברים און חבר'טעס! איך און מיינע חברים, די פּראָגרעסיווע שרייבער, וואָס אין זייער נאָמען וועל איך דאָ רײדן, זיינען מיר מיט דער אידישער אַרבעטער־געזעלשאַפט אין ליטע, באַזונדערס מיט דער יוגנט, שוין געגנוג גוט באַקאַנט פון די אָוונטן אין פאָלקס־הויז און אַנדערשוואו. ווען איך האָב דאָס לעצטע מאָל מיט אַ יאָר צוריק גערעדט צו דער קאָוו־נער אידישער אַרבעט־יוגנט אין פאָלקס־הויז, האָב איך געזאָגט, אַז מיר

וועלן זיך נאָך דערוואַרטן אַזעלכע צייטן, ווען פּאַר אונזער אווידיטאָריע וועט ניט זיין געגנוג די קליינע זאַלן פון פאָלקס־הויז, נאָר מען וועט דאַרפן האָבן גאַסן און פּלעצער. דאָס וואָס מען האָט דאַן געַחלומ׳ט, איז שוין היינט אַ רעאַליטעט. די דערוואַרטעטע ליכטיגע שעה האָבן אונז געבראַכט אויף זייער פעסטן שטאָל די טאַנקען פון דער רויטער אַרמיי. אונז איז די דאָזיגע שעה געגעבן געוואָרן מיט דעם ווילן פון פירער פון אַלע פעלקער — סטאַלין. און געעפנט זיינען היינט פאַר אונז די גרעסטע זאַלן און האַלעס, גאַסן און פּלעצער און דער גאַנצער לופטרוים פון ליטע... פון אייערע פלאַמענדיגע אויגן זע איך אייער גרויסע פרייד איבער דעם, וואָס עס איז שוין דערגרייכט געוואָרן... אָט האָט פאַר מיר גערעדט חבר זימאַן. ער האָט דערמאָנט ווי אַזוי מען האָט אין אַלטן בילדונג־מיניסטעריום געקוקט אויף דער אידישער שול, אויף ביכער־פאַרלאַגן, א. א. וו. ניט אָנגעבנדיג קיין קאָנקרעטע פּראָגראַם, קאָן איך אייך נאָר פאַרזיכערן, אַז די פאָלקס־רעגירונג וועט אויך אויף דעם געביט לייזן די פּראָבלעמען, זיך האַלטנדיג אָן פּרינציפּ פון גלייכקייט פון אַלע פעלקער און אַז דאָס וועט געמאַכט ווערן וואָס גיכער״.

סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַפרייאונג

איז ניט אומזיסט געווען אַזויפיל פרייד אָן אַ שיעור אין קאָוונע, ווילנע, פּאָנעוועזש, ווילקאָווישק און אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון דעם נייעם באַפרייטן ליטע־לאַנד? וואָלט מען אפילו געקאָנט חלומ׳ען פון אַזאַ זאַך ביים פריערדיגן רעזשים אין ליטע, אַז דער ליטווישער וויצע־מיניסטער פון בילדונג, אַ באַרימטער ליטווישער שריפטשטעלער, זאָל אַרויסטרעטן צו די אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן פון קאָוונע אין דער אידישער שפּראַך? דאָס קאָן דאָך באמת אויפשטורעמען און אויפ־רודערן ביז׳ן גרונט.

און אַז איך שרייב שוין וועגן דעם מיטינג, וויל איך דאָ ברענגען כאָטש איניגע אויסצוגן פון דער פּאַטעטישער רעדע פון יהודית קאַמאַד:

„איך באַגריס אייך אין נאָמען פון הונדערטער פּאָליט־אַרעסטירטע, וואָס זיינען געווען פאַרשפּאַרט אין די תפיסות און זיינען איצט ווידער גע־קומען צו אייך, כדי צוזאַמען מיט אייך צו קעמפן פאַר אַ בעסערער צוקונפט... ליידער האָבן ניט אַלע דערלעבט די דאָזיגע פרייד, צענדליגער זיינען פון אונזערע רייען אַרויסגעריסן געוואָרן... מיר זיינען איצט באַפרייט געוואָרן אין צווייען. מיר זיינען באַפרייט געוואָרן פון סמעטאָנאַסעס בלוט־טיגן רעזשים, מיר זיינען אויך באַפרייט געוואָרן אַלס אידן — סאָציאַל און נאַציאָנאַל, אויף דער רויטער ערד פון ליטע, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט׳ן בלוט פון אירע בעסטע זין, וועלן מיר שאַפן אַ נייעם ליכטיגן לעבן... מיר אַלע דאַרפן וויסן, אַז מיר שאַפן אַ נייע קולטור, אַ אידיש־פאָלקסטימלעכע לויט איר פאָרם און אַן אינטערנאַציאָנאַלע לויט איר אינהאַלט. שוין אין

1913 האָט דער זשעני פון דער מענטשהייט לענין דערקלערט, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפן אַ סך דעמאָקראַטישעס און פּראָלעטאַרישעס... ער האָט פון זיך אַרויסגעגעבן גרויסע שרייבער און קינסטלער. אויסנוצנדיג אַלץ פון אונזער קולטור, וועלן מיר צוזאַמען מיט די ליטווישע אַרבעטנדיגע מאַסן בויען אַ ליכטיגן לעבן!"

אָט ווי עס האָט גערעדט דער נייער איד פון ליטע, איינע פון די בעסטע טעכטער פון אידישן פאָלק, וואָס איז געפּייניגט געוואָרן און פאַרשפּאַרט געוואָרן הינטער גראַטעס!

דר. קאַגאַן, מיניסטער פאַר געזונטהייט און סאָציאַלער שוץ

וועגן די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָט דער נייער ליטווישער פּרעזי־דענט פּאַלעצקיס אויך דערקלערט ביים דערעפענען דעם נייעם פאָלקס־סיים:

„דער ערשטער אַקט פון דער פאָלקס־רעגירונג איז געווען דאָס באַפרייען די קעמפער פאַר די רעכט פון פאָלק, די פּאָליטישע אַרעסטירטע. עס זיינען באַפרייט געוואָרן מער ווי 400 פּאָליטישע אַרעסטירטע. איינציגע פון זיי זיינען אָפּגעזעסן צו 10—15 יאָר, און דער חבר זיבערט (אוואַציעס), וועלכן מיר זעען דאָ צווישן די מיטגלידער פון פאָלקס־סיים, איז געזעסן גאַנצע 20 יאָר. די מערהייט פון באַפרייטע אַרעסטירטע, ניט געקוקט אויף די צרות, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין, האָט זיך מיט ענטוזיאַזם גענומען צו דער אַרבעט פון רעאַליזירן און פאַרזיכערן די פאָלקס־זיגן..."

עס האָבן געפּלאַצט די שלעסער פון די תפיסה־קאַמערן. עס האָבן זיך ברייט צעעפנט די טירן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אין דער זעל־בער רעדע האָט פּאַלעצקיס אויך דערקלערט:

„מיט'ן שאַפן דעם נייעם מיניסטעריום פאַר געזונטהייט און סאָציאַלער שוץ איז אַרויסגעוויזן געוואָרן אַ באַזונדערע באַזאָרגטקייט מיט'ן פאָלקס־געזונט, וואָס איז געווען אַזוי פאַרלאָזן... דער מיניסטער פאַר געזונטהייט און סאָציאַלער שוץ איז אַ פאַרשטייער פון אַ מינדערהייט־נאַציאָנאַליטעט, אונזער דר. קאַגאַן (אוואַציעס). דערמיט איז פאַרריכט געוואָרן די טאָלע־רירטע אומגערעכטיגקייט, וועלכע האָט פיל יאָרן געהערשט לגבי די נאַציאָ־נאַלע מינדערהייטן". (אַפּלאָדיסמענטן)

קיין פּירושים דערצו זיינען, דוכט זיך, ניט נויטיג. דאָס איז נאָך אַ דערקלערונג פאַרוואָס:

„אַזוי פיל ליד אין יעדן מענטשן־קול"

און ווי גוט עס איז געווען צו לייענען די רעזאָלוציעס פון דער לערער־קאָנפערענץ פון די אידיש־וועלטלעכע שולן.

און ווי גוט עס איז געווען צו לייענען אַזעלכע הייסע קאַמף־שורות אין דעם רוף „חברים אַרבעטער!" פון אַרבעט־מיניסטער מ. יונטשעס־קוטשענסקאַס:

„די סמעטאַנישע קנעכטשאַפט איז שוין פאַרניכטעט. די באַנדע אויס־נוצער איז שוין באַזייטיגט געוואָרן פון מלוכה־אַפּאַראַט. עס ווערן געשאַפן נייע באַדינגונגען צו אָרגאַניזירן אַ נייעם גליקלעכן לעבן פאַר׳ן פאָלק. מיר דאַרפן טאָן אַלץ, אַז אונזערע משפחות זאָלן האָבן גענוג ברויט, פּאַסיגע וואוינונגען, קליידער און אַנדערע לעבנסוויכטיגע זאַכן... עס וועלן באַ־גרענעצט ווערן די איבעריגע פּראָפיטן פון די פאַבריקאַנטן און פון די באַזיצער פון גרויסע פאַרמעגנס, און איבעריגע הוצאות אויף אויסצוהאַלטן דעם אַפּאַראַט וועלן איינגעצן אָפּגעשאַפט ווערן. די דאָזיגע געלטער וועט מען קודם־כל פאַרווענדן צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אַרבעטס־מענטשן, אַריינציען נייע מענטשן צו אַ שטענדיגער אַרבעט, צו בויען נייע פאַבריקן, שטעלן הייזער פאַר אַרבעטער, צו הויבן די פאָלקס־בילדונג און צו באַשיצן דאָס פאָלק׳ס געזונט... מיר רופן אייך אָרגאַניזירן און איינאָרדענען די אַרבעט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין אמת׳ע אָרגאַנען, וועלכע זאָלן קאָנען פאַרטיידיגן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיגע און אָרגאַניזירן דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און די אונטערנעמונגען”.

אַ שיינער, כוואַליענדיגער ים

און ווי וואונדערלעך און אויסערגעוויינלעך עס קלינגען די היסטאָרישע ווערטער פון ליטווישן אינערן־מיניסטער געדווילאַ אויפ׳ן מיטינג אין ספּאָרט־פּלאַץ: „מיר לעבן אין אויסערגעוויינלעכע צייטן און אונזער אַרבעט ווערט געטריבן מיט אַן אויסערגעוויינלעכן טעמפּאָ. ביים ליטווישן בירגער, וואָס איז געווען איינגעוואוינט צו לעבן אין דער סביבה פון אַ שטיקנדיגן זומפּ, הויבט אַפילו אָן צו שווינדלען דער קאָפּ, פון רויטן שטורעם, וואָס האָט אַ שאָקל געטאָן דעם דאָזיגן „הייליגן” זומפּ, אָראָפּגערייניגט די פוי־לעניש פון אויבן און אים פאַרוואַנדלט אין אַ שיינעם, כוואַליענדיגן ים... אין אַ קורצער צייט מוז מען אַזוי רעאָרגאַניזירן דאָס לעבן, אַז עס זאָל זיך ראַדיקאַל ענדערן, כדי די אַרבעטס־מענטשן זאָל סוף־כל־סוף ווערן גוט און פריילעך צו לעבן אין זייער פאָטערלאַנד”.

אָט דאָס איז געווען דער גרום פון צען אומפאַרגעסלעכע, היסטאָ־רישע טעג, ווען מען האָט געשטורעמט די ליטווישע באַסטיליעס!

דעצעמבער, 1940.

שוואַלבן פון אַ נייעם פרילינג

א נ י י ע ר   ב ר א ש י ת...

„דער ערשטער באָלשעוויסטישער פרילינג" — איז אַ קעפּל איבער אַן אַרטיקל אין דער צייטונג „ביאַליסטאָקער שטערן" פון 15טן מאַי, 1940.

צוליב די פּאָסט־שוועריגקייטן איבער'ן קריג האָט די „מאָרגן־פרייהייט" געקראָגן בלויז 4 צופעליגע איינציגע נומערן פון דער נייער ביאַליסטאָקער אידישער צייטונג — די ערשטע שוואַלבן פון אַן ערשטן סאָציאַליסטישן פרילינג. די נומערן זיינען געווען פון 12טן, 15טן, 18טן און 28טן מאַי, 1940. אָבער פון די איינצלנע נומערן אַליין קאָן מען זען, ווי אַזוי ב י א ־ ל י ס ט אָ ק , ג ר אָ ד נ ע און די אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון דעם געוועזענעם פּריצישן פּוילן האָבן אין עטלעכע חדשים צייט זיך צע־פינקלט מיט אַלע פאַרבן פון דעם סאָציאַליסטישן רעגנבויגן.

און ניט צופעליג באַגעגנט איר אַזוי אָפט אין די נומערן דאָס וואָרט: ע ר ש ט ע ר . אָט זיינען עטלעכע קעפּלעך איבער אַרטיקלען: „ערשטער סאָוועטישער שטאָט־שפּיטאָל אין ביאַליסטאָק". „ערשטער טאָג פון די עקזאַמענס אין די ביאַליסטאָקער שולן", „די ערשטע טעג אויף דער אויס־שטעלונג (פון לאַנדווירטשאַפט)", „ערשטער סאַכאַקל פון די פאַרהערן אין ביאַליסטאָקער שולן", „די ערשטע אידישע קינדער־שול אין שטעטל ק ו ז נ י צ ע , גראָדנער ראַיאָן", „ערשטער קינאָ (מואווי)־טעאַטער גע־עפנט אין ס ו פּ ר אַ ס ל ע ".

און „ביאַליסטאָקער שטערן" אַליין איז דאָך די ערשטע אידישע צייטונג אין ביאַליסטאָק, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דער מלוכה, פון דער סאָוועט־רעגירונג.

און אָט געפינען מיר דאָרטן אַנאָנסן פון „מלוכה'שער אידישער דראַם־טעאַטער", טעאַטער „פּאַלאַס". מ'פירט אויף ש ל ו ם ־ ע ל י כ מ ' ס „דער בלוטיגער שפּאַס", פּיעסע אין 3 אַקטן מיט אַ פּראָלאָג, אויך מ . ג ע ר ש ע נ ז אָ נ ' ס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", אין 3 אַקטן, 4 ביל־דער. דער ערשטער אידישער טעאַטער אין ביאַליסטאָק, וואָס ווערט אויס־געהאַלטן פון דער מלוכה.

מיר געפינען אין „ביאַליסטאָקער שטערן" אַנאָנסן פון „ביאַליסטאָקער מלוכה'שע פילהאַרמאָניע" וועגן אַ קאָנצערט פון סימפאָנישע אָרקעסטערס. אויך „מלוכה'שע עסטראַדע" — אַ קאָנצערט מיט ק ל אַ ר אַ י אַ נ ג .

א נ י י ע ר ב ר א ש י ת . . .

און די צייטונג שפּרודלט מיט אַזעלכע נייעס און אַרטיקלען, וואָס די קעפּלעך אַליין זיינען אַ היילונג פאַר'ן גוף און נשמה, ווי למשל: „אויפבוי פון דער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט", „וואוקס פון די ביאַליסטאָקער אידישע שולן", „דער האַנדל פון דער שטאָט ביאַליסטאָק פאַרברייטערט זיך", „פולשטענדיג אויסשטאַטן די מאַגאַזינען", „זיבן טויזנט מעטער פּאַרטיגע סחורה איבער'ן פּלאַן", „אידן־פּויערים אין ביאַליסטאָקער געגנט", „לערער קאָנפערענץ פון ביאַליסטאָקער ראַיאָן", „שטאַטישע אָלימפּיאַדע פון שילע־רישער זעלבסטשטעטיגקייט", „לאָמיר אָפּהיטן די ריינקייט פון אונזער שטאָט", „גרויסע אויפטוען פאַר'ן געזונט־צושטאַנד אין די מערב־געגנטן פון ווייס־רוסלאַנד", „קינדער זיינען די בלומען פון לעבן", „די סאָוועטישע זאָרג פאַר די אַלטע לייט", „צו דער אויסשטעלונג פון די וואַנט־צייטונגען", „אַ גרויסע שוך־פאַבריק אין ביאַליסטאָק", „פאַרבעסערן די אַרבעט פון די אינספּעקציע־שפּיטאָלן", „נאָכטאָן דעם ביישפּיל פון די בעקער־אַרבעטער", „שעפערישער אָוונט פון דיכטער בינעם העלער אין שרייבער־הויז", „נייער ביכער־מאַגאַזין אין ל אָ מ ז ש ע", „דער קוראַרט ד ר ו ס ק ע נ י ק", „סוף שול־יאָר אין ג ר אָ ד נ ע", „אַנגעהויבן די רעגיסטראַציע אויפ'ן נייעם שול־יאָר", „באַזייטיגן די פעלערן אין אונזערע קינדערהיימען", „שע־פערישער אָוונט פון די ביאַליסטאָקער רויט־אַרמייאישע שרייבער אין היגן שרייבער־הויז", „די איבערוואַנדערונג פון ווייסרוסלאַנד אין דער אידישער אויטאָנאָמער געגנט", „אין גיכע טעמפּן פאַרענדיגט דעם פאַרזייו", „נעכטן פּליטים — היינט מיטבויער פון דער סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט", „נייע קאָלווירטן אין ביאַליסטאָקער ראַיאָן", „פאַרגרעסערט דעם אויטאָבוסן־פּאַרקער אין ביאַליסטאָק", „זומער־אָפּרו פאַר קינדער", „באַזאָרגן די באַ־פעלקערונג מיט גרינס".

א נ י י ע ר ב ר א ש י ת . . .

וואָס פאַרא שפע און פילזייטיגקייט פון ברויזיגער, בלענדנדיגער, פאַר־שיידנאַרטיגער, שטורמישער טעטיגקייט אויף אַלע געביטן פון לעבן — פאַר דער אינדוסטריע, פאַר דער לאַנדווירטשאַפט, פאַר דער קולטור, ליטע־ראַטור, מוזיק און קונסט — פאַר'ן גוף און דער נשמה, פאַר געזונטע און קראַנקע, פאַר קינדער — „די בלומען פון לעבן" — און פאַר אַלטע לייט!

און ניט צופעליג חזר'ן זיך איבער אין די קעפּלעך די פ ר י ל י נ ג־ו ו ע ר ט ע ר: „אויפבוי", „וואוקס", „אויסברייטונג", „ערשטער", „שעפערישער", „נייער", „קוואַליטעט", „גיכע טעמפּן", „בויט זיך אי־בער", „מיטבויער", „נייע קאָלווירטן", „נייע אויטאָבוסן", „ספּאָרט", „דער־עפענונג", „גרויסע אויפטוען", „גרויסע שוך־פאַבריק", „בלומען פון לעבן", „קולטורעלער", „באַוואוסטזיניגער", „געזונט־פאַרהיטונג", „פאַרבעסערן", „נאָכטן דעם ביישפּיל", „פאַרשענערן", „נייער שול־יאָר", „אָנגעהויבן", „באַזייטיגן", „באַזאָרגן", „פאַרגרעסערן", א. אַ. וו., א. אַ. וו.

אומעטום גייט אָן דער אויפבלי, וואוקס, איבערבוי, באַנייאונג, פאַר־גרעסערונג, פאַרבעסערונג, פאַרשענערונג און פאַרטיפערונג פונ'ם לעבן און פון די מענטשן גופא.

וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט מיט דעם פינצטערן, צוריקגעשטאָנענעם, נעבעכדיגן, אָרעמען, פיזיש און גייסטיג, לעבן אונטער דער געוועזענער פריצישער פּאָגראָם־הערשאַפט אין פּוילן!

אַכט חדשים זיינען אַריבער פון דעם טאָג זינט די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע (רעכענענדיג ביז דעם דאַטום פון די נומערן „ביאַליסטאָקער שטערן"). 8 חדשים זיינען אַריבער

אַ שטאַרק־פאַרקלענערטע פאָטאָגראַפיע פון אַ טייל פון דער ערשטער זייט פון „ביאַליסטאָקער „שטערן"

זינט ביאַליסטאָקער געגנט האָט אָנגעהויבן לעבן אַ ניי, פולבלוטיג לעבן און איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג. אין די געציילטע חדשים האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצופירן די אינדוסטריע, די לאַנדווירטשאַפט און די קולטור פון ביאַליסטאָקער געגנט פון דער אָפּגע־שטאַנענקייט, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען אין דער צייט פון דער פויליש־פּריצישער הערשאַפט.

לאָמיר דאָ איבערגעבן אַביסל קאָנקרעטע ציפערן און פאַקטן, וואָס מיר געפינען אין די עטלעכע נומערן „ביאַליסטאָקער שטערן".

אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט: אין דער בערך קורצער צייט אין דער פּראָדוקציע־אַרויסלאָז פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע אויסגעוואַקסן מער ווי אין צוויי מאָל אין פאַרגלייך מיט דער טעקסטיל־פּראָדוקציע אונטער דער פּריציש־פּוילישער הערשאַפט. אויפן יאָר 1941 ווערט פאָראויסגעזען אַרויסצולאָזן 18 מיליאָן מעטער הויך־קוואַליטאַטיווע געוועבן אין פאַרגלייך מיט די 10 און אַ האַלב מיליאָן מעטער, וועלכע וועלן אַרויסגעלאָזט ווערן היינטיגס יאָר. עס איז געשטעלט געוואָרן די אויפגאַבע צו פאַרוואַנדלען ביאַליסטאָק אין אַ צווייטער אי־וואַנאָוואָ (דער גרעסטער טעקסטיל־צענטער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד). עס ווערן פאַרגרעסערט און איבערגעבויט די טעקסטיל־פאַבריקן און די קאַ־פּיטאַלע אינוועסטמענטס טרעפן אָן העכער 10 מיליאָן רובל (טעקסטיל איז, ווי באַוואוסט, די הויפּט־אינדוסטריע פון ביאַליסטאָק).

דאָסזעלבע אין דער לאַנדווירטשאַפט: דער פאַרזיי־פּלאַן פון די קער־נער־קולטורן איז איבערן גאַנצן געגנט פאַרענדיגט געוואָרן נאָך צו דעם 10טן מאַי.

האַנדל: צום ערשטן מאַי זיינען שוין געווען געעפנט אין ביאַ־ליסטאָק 256 גרויסע מאַגאַזינען. עס רעמאָנטירן זיך נאָך צענדליגער אַנ־דערע, וועלכע וועלן זיך עפענען אין דער נאָענטסטער צייט.

קולטור און קונסט: עס איז גענוג צו דערציילן, אַז אין די נייע געגנטן זיינען אינגאַנצן ניט געווען קיין שולן אין דער ווייסרו־סישער שפּראַך און געציילטע אידישע שולן, אַ צאָל ישיבות, תלמוד תורה'ס און חדרים. איצט זיינען שוין פאַראַן איבער 4,000 ווייסרוסישע שולן, 8 פּעדאַגאָגישע שולן, 4 העכערע לערן־אַנשטאַלטן, טעכניקומס, און הונדערטער אידישע אָנפאַנג־שולן און מיטלשולן.

אין מערב־ווייסרוסלאַנד איז ניט געווען קיין איין ווייסרוסישער און קיין איין אידישער טעאַטער, ניט רעכענענדיג די קורצוויילנגע דורכגעפאַ־לענע פאַרזוכן צוליב דער פּוילישער מאַכט־פּאָליטיק. איצט זיינען דאָרטן פאַראַן 7 מלוכה־טעאַטערס — ווייסרוסישע, אידישע און פּוילישע, אַ סך קינאָ־טעאַטערס, אַ פילהאַרמאָניע, סימפאָנישע אָרקעסטערס, אַנסאַמבלען פון געזאַנג און טאַנץ, הייזער פון קינסטלער און שרייבער, צוויי מוזיקאַלישע טעכניקומס, מוזיקאַלישע שולן און פיל אַנדערע קורסן און לער־אַנשטאַלטן

— אין די 5 געגנטן: ביאַליסטאָקער, באַראַנאָוויטשער, בריסקער, ווי־לייקער און פּינסקער, מיט זייערע 101 ראַיאָנען ,ווי גראָדנער, לאָמזשער א. אַז. וו.

אידישע שולן אין ביאַליסטאָק: 4 פּוילע מיטל־שולן, 9 ניט־פּוילע מיטלשולן, און 39 אָנפאַנג־שולן מיט 158 קלאַסן און אריבער 6,000 קינדער. אונטער דער סאָוועטישער מאַכט האָבן די אידישע שולן פריער אָפּגעאָטעמט. „די קינדער פון דער באַנייטער שול זיינען אויך מיטגעריסן געוואָרן אין דער נייער פריידיגער אטמאָספער פון שעפע־רישער אַרבעט אויפ'ן באָדן פון דער סאָוועטישער שול... די 7טע פּוילע מיטלשול, פריער אַ פּוילישע גימנאַזיע פאַר אידישע קינדער, איצט איינע פון די בעסטע אידישע סאָוועטישע מיטל־שולן מיט אַ גלענצנדיגן אַקטיוו שילער... ביי דער שטאָטישער אָלימפּיאַדע פון דער שילערישער קינסט־לערישער זעלבסטשטענדיגקייט האָבן זיך אויסגעצייכנט אַ סך אידישע שולן, למשל — די 7טע, 9טע, 14טע, 28טע, 30טע".

און דאָסזעלבע הערן מיר וועגן דער זאָרג פון דער סאָוועטישער מאַכט פאַר די אידישע קינדער — די בלומען פון לעבן — אין גראָדנע, לאָמזשע, באַראַנאָוויטש, א. אַז. וו.

מיר לייענען אין „ביאַליסטאָקער שטערן" פון 27טן מאַי:

„דער פאַרלויף פון די עקזאַמענס אין די גראָדנער שולן באַ־ווייזט אויף אַ גענוג בולט'ן אופן, אַז די שולן האָבן אין אַלגעמיין געוווּמען, דערפילט די אויפגאַבן, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר זיי... דיווירקלעכ־קייט גופא איז דאָ געקומען אַמשטאַרקסטן צו הילף. די פרייד און די פרייהייט, וועלכע האָבן פאַרפלייצט די גאַסן פון דער אויסגעלייזטער שטאָט, די אויפגעריכטע היימען פון די אַרבעטנדיגע מאַסן, דאָס צוריקקערן פון די טאַטעס צו אַרבעט נאָך יאָרן פון אַרבעטסלאָזיגקייט און נויט — דאָס אַלץ האָט אויף אַ וואונדערלעכן אופן אויפגעלויכטן אין די שפּי־רעוודיגע מוחות און הערצער פון די קינדער און די לערער איז נאָר פאַר־בליבן די דאָזיגע שפע פון נייע איינדרוקן צו ריכטן אויפ'ן געהעריגן וועג".

פאַראַן איצט אין גראָדנע 1 אידישע פּוילע מיטלשול, 4 ניט פּוילע און צענדליגער אָנפאַנג־שולן „און אַלע קומען צום סוף לערן־יאָר מיט אַ פאַר־העלטניסמעסיג גוטער דערפאָלגלעכקייט און מיט דעם טיפן גלויבן, אַז די אידישע שול וועט אינ'ם צווייטן סאָוועטישן לערן־יאָר זיך דערשלאָגן נאָך בעסערע רעזולטאַטן".

און ענלעכע דערפאָלגן ווערן פאַרצייכנט אין די נייע סאָוועטישע קינ־דער־היימען, די געוועזענע יתומים־אַנשטאַלטן, און אין די זומער־לאַגערן פאַר די קינדער.

אויפגעריכטע היימען, אויפגעריכטע טאַטעס, אויס אַרבעטסלאָזיגקייט, אויס נויט — און מאַגופּאַקטור וועט זיין, און ברויט וועט

זיין, און שיך וועלן זיין (אין ביאַליסטאָק איז אַוועק אין גאַנג אַ גרויסע שוך־פֿאַבריק, וואָס וועט „באַזאָרגן די ביאַליסטאָקער באַפֿעלקערונג מיט אַ באַפֿרידיגנדיגן סכום שיך פֿון הויכער קוואַליטעט"), און אַלע אַנדערע סחורות וועלן זיין (דער פֿאָלקס־קאָמיסאַריאַט פֿאַר האַנדל האָט צוגעטיילט אויפֿן צווייטן קוואַרטאַל פֿון הייִנטיגן יאָר פֿאַר דער ביאַליסטאָקער געגנט שפּייז און אינדוסטריע־אַרטיקלען אויף 163 מיליאָן מיט 300 טויזנט רובל), און קוראָרטן וועלן זיין (אָנהויב יוני וועט דער קוראָרט דרוסקעניק צום ערשטן מאָל פֿאַר זיין 100־יאָריגער עקזיסטענץ אויפֿנעמען אַרבעטס־מענטשן. 9 טויזנט מענטשען דאַרף דער קוראָרט דורכלאָזן פֿאַר די 4 חדשים פֿון סעזאָן), אויז קינדער־שולן וועלן זיין, און אידישע פּאָעזיע וועט זיין (ווי עס ווייזן די באַריכטן פֿון די שעפֿערישע אָוונטן אין שרייבער־הויז פֿאַר בינעם העלער, באַוואוסטער אידישער דיכטער פֿון פּוילן, און י. עמיאָט און די אַנדערע ביאַליסטאָקער און גראָדנער און לאָמזשער אידישע שרייבער), און ספּאָרט וועט זיין, און אידיש טעאַטער וועט זיין (מען וועט פֿאָרזעצן אויפֿפֿירן שלום עליכם'ען און אַנדערע), און קאָנצערטן וועלן זיין, און גוטע קינדער־היימען וועלן זיין, און גרינס וועט זיין, און שפּיטאָלן וועלן זיין פֿאַר די קראַנקע און גוטע היימען פֿאַר די יונגע, ווי פֿאַר די אַלטע לייט וועלן זיין.

מיר געפֿינען אין „ביאַליסטאָקער לעבן" די פֿאָלגנדיגע רירנדיגע באַשרייבונג וועגן דער סאָוועטישער זאָרג פֿאַר די אַלטע לייט:

„וואָס פֿאַרא רעכט האָבן די אַלטע לייט געהאַט אין געוועזענעם פּוילן? עס איז כדאי זיך צו דערמאָנען אינ'ם הקדש פֿאַר די אַלטע לייט אין ביאַליסטאָק, ביזעס איז אַריינגעטראָטן די זיגרייכע רויטע אַרמיי. עס האָבן געפֿראַוועט מיט אים גבירים־פֿילאַנטראָפּן, וואָס האָבן געשענקט נדבות, געזאַמעלט נדבות; די אַלטע לייט, וואָס זיינען אויפֿגעהאַלטן געוואָרן אין דעם הקדש פֿלעגן אַרומגיין שמוציג און שטענדיג האַלב־הונגעריג. דער טויער פֿונ'ם הקדש איז געווען אַ גאַנצן טאָג אָפֿן און די אַלטע לייט האָבן זיך געלאָזט איבער דער שטאָט שנאָרן און בעטלען.

„גאָר אַנדערש זעט איצט אויס דאָס הויז פֿון אַלטע לייט און אינוואַלידן, אויפֿ'ן אָרט פֿון געוועזענעם הקדש. 110 מענטשן אין עלטער פֿון אַרום 60 יאָר געפֿינען זיך אין דעם הויז, וואו זיי באַקומען אַ גוטן אויפֿזיכט. רואיג און געמיטלעך פֿליסן זייערע טעג. עס איז פֿאַראַן וואַרעם־ווינקל, אַ ריין געלעגער, און אַ געשמאַקער געקעכץ.

„עס בייט זיך ניט נאָר דער רעזשים פֿון דעם הויז, נאָר עס בייט זיך אויך דער אויסזען פֿון די אַלטע לייט און אינוואַלידן. זיי וואַרפֿן שוין אַראָפּ פֿון זיך זייערע שמוציגע „היימישע" קליידער און טוען זיך אָן אין ריינע וועש, אין ספּעציעל פֿאַר זיי אויפֿגענייטע נייע קליידער.

...„פון דעם פערסאָנאַל, וואָס באַדינט אָט די אַלטע לייט דאַרף מען אָפּמערקן דעם פעלדשער ש ל מ ה ג אָ ל ד ב ע ר ג, וועלכער אַרבעט שוין 34 יאָר אין דעם אַנשטאַלט. 34 יאָר איז דער פעלדשער גאָלדבערג געווען אַ שפּילצייג אין די הענט פון די פאַרשיידענערליי גבאים פון׳ם געזעוועזענעם הקדש. זיין גורל איז געווען אָפּהענגיג פון זיי... אָפיציעל האָט ער באַקומען 75 זלאָטעס אַ חודש געהאַלט, נאָר פאַקטיש פלעגן זיי אים צאָלן נאָר 50 זלאָטעס אַ חודש. דער לעצטער גבאי פון הקדש, דער פאַבריקאַנט פרידמאַן, האָט אים פאַר 4 חדשים קיין גראָשן ניט באַצאָלט, און נאָר איצט זינט עס איז סאָוועטן־מאַכט, זינט דער הקדש איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סאָוועטישער אינסטיטוציע, האָט דער פעלדשער גאָלדבערג באַקומען אָנערקענונג.

„אויך די קראַנקען־שוועסטער ק ל אַ ר אַ ג נ י ע צ ו צ ק אַ י אַ טיילט זיך אויס אין דעם הויז מיט איר געטרייער איבערגעגעבענער אַרבעט. פאַר די אַלטע לייט איז אַ גרויסע פרייד צו הערן אַ גוט וואָרט פון דער יונגער שוועסטער... איצט האָט דאָס הויז פון די אַלטע לייט באַקומען נאָך עטלעכע צימערן און דער שטח פון דעם הויז ווערט אויף זייער פיל פאַרברייטערט.

„די סטאַלינישע קאָנסטיטוציע זיכערט אַ גליקלעכע און רואיגע עלטער פאַר יעדן אַרבעטנדיגן מענטשן.״

און דעם אַ נ ט י ס ע מ י ט י ז ם וואָרצלט מען אויס, מען באַזייטיגט די באַרייסער, מען באַזייטיגט די פעלערן אין דער אַרבעט ווי אין דער פּסיכאָלאָגיע און באַוואוסטזיין פון די מענטשן — אָט דאָס איז דער פריידיגער און וואונדערלעכער גרוס פון „ביאַליסטאָקער שטערן״ צו אַלע לאַנדסלייט פון די נייע פאַרנומענע סאָוועטישע געביטן, פון דעם ערשטן סאָציאַליסטישן פרילינג אין מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע, ווי אין בעסאַראַביע, צפון־בוקאָווינע, ליטע, לאַטוויע און עסטאָניע!

אויג. 21, 1940.

דער אמת וועגן ווילנע

עס לויפן אַנטקעגן אונז גאַסן און שטיבער:
— די רויטע אַרמיי איז דעם גרעניץ אַריבער!
מיר ווישן פון פּנים דעם נאַכטיגן פיבער:
— די רויטע אַרמיי איז דעם גרעניץ אַריבער?...
און סיזינגט פון דער הויך אַ באַפליגלטער גיבור:
— א ו נ ז ע ר רויטע אַרמיי איז דעם גרעניץ אַריבער.

אזוי האָט געזונגען דער ווילנער דיכטער חיים גראַדע אויף די זייטן פון „ווילנער עמעס" אין זיין „באַלאַדע פון דער אנטלאָפענער שטאָט". די רויטע אַרמיי איז דעם גרעניץ אריבער, אריין אין ווילנע. און באַלד איז אָפּגעווישט געוואָרן דער נאַכטיגער פיבער פון די ווילנער פאַר'חושכ'טע האַרעפּאַשניקעס, פון די „אַלטע הייזער, הויקערדיגע גאַסן" פון ווילנע, „אָפּגעווישט פון די מויערן אי בלוט אי שימל".

און „ס'האָט היינט דיין מזל זיך צעלויכטן ווי די זון", דערקלערט אַ צווייטער אידישער דיכטער פון פוילן, שלום זשירמאַן, אין זיין ליד „ווילנע", געדרוקט אין „ווילנער עמעס" פון 27טן סעפּטעמבער, 1940.

און עס זינגט אין „ווילנער עמעס" פון 20טן סעפּטעמבער דער באַוואוסטער דיכטער פון אוקראַינע עזרא פינינבערג:

„און אַז דער רויטער יונגער רייטער האָט אַריינגעיאָגט
אין גראָדנע־שטאָט, אין ווילנע, לעמבערג, ביאַליסטאָק,
האָט דיכטונג אידישע די הענט געדריקט
דעם פאָלק, וואָס איז אַרויס פון טונקעלן ליק
צו זיג, צו גליק!"

„ווילנער עמעס" — דער אמת וועגן ווילנע

די דערשיינונג פון דער אידישער מלוכה־ציימונג אין ווילנע איז דאָך אַליין אַ היסטאָרישע פּאַסירונג. אין דער „מאָרגן־פרייהייט" זיינען שוין געווען איבערזיכטן איבער די אידישע ציימונגען אין די באַפרייטע געגנטן, ווי „ביאַליסטאָקער שטערן", „אידישע שטימע" און „פאָלקסבלאַט" אין קאָוונע, און „קאַמף" אין ריגע. און די „מאָרגן־פרייהייט" האָט דערנאָך אָנגעהויבן באַקומען נומערן פון דער טעגלעכער ציימונג „ווילנער עמעס" — שוואַלבן פון דעם נייעם פרילינג אין ווילנע.

ווילנע פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט ביים אידישן פאָלק. ווילנע איז געווען אַ צענטער פון דער אַלטער אידישקייט און פון דער מאָדערנער אידישער קולטור. ווילנע איז געווען דאָס וויגעלע פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אייראָפּע און פון דער אידישער פּראָגרעסיווער קולטור. מיט ווילנע זיינען פאַרבונדן אַ סך העלדישע רעוואָלוציאָנערע און מאַרטירער־קאַפּיטלען פון אידישן פאָלק און פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין ווילנע האָט געלעבט געקעמפט און איז אומגעקומען מיט אַ מאַרטירער־טויט הירש לעקערט. אין ווילנע געפינען זיך די מויערן און ווענט פון דער לוקישקער טורמע, וואָס זיינען באַשפּריצט מיט'ן בלוט פון רעוואָלוציאָנערע קעמפער. און פון דער ווילנע אונטער דער פּאַנסקער פוילן געדענקען מיר די „פּירטעג" פון די מאַרטירער פון ווילנער אַרבעטער־ראַט. מיר געדענקען די בלוטיגע קאַמפן געגן די אידישע סטודענטן אין ווילנער אוניווערזיטעט און די געטאָ־בענק.

מיר ווייסן וועגן די מיט בלוט־באַשפּריצטע מויערן און ווענט פון דער פּוילישער „דעפענסיווע" אין ווילנע.

פון טונקעלן ליק צו זיג, צו גליק

די רויטע אַרמיי איז דעם גרעניץ אַריבער און אָפּגעווישט פון די ווילנער „ווענט" און מויערן „אי בלוט אי שימל". מוז דאָך עס אַרויסרופן דאָס גרעסטע געזאַנג ביי אידישע דיכטער און ביי יעדן אידן.

„א ו י ף׳ן ע ר ש ט ן ש ט א פ ל פ ו ן נ י ט ־ א ו י פ ־ ה ע ר ל ע כ ן ש ט י ג ן" איז דאָס קעפּל איבער׳ן לייט־אַרטיקל אין „ווילנער עמעס" פון 16טן סעפּטעמבער, פון דעם ערשטן נומער פון דער נייער צייטונג, וואָס די „מאָרגן־פריהייט" האָט באַקומען. (די צייטונג האָט אָנגעהויבן דערשיינען נאָך אין אויגוסט). דאָס איז אינגאַנצן פּונקט צוויי חדשים נאָך דעם, ווי ליטע איז געוואָרן אַ סאָוועטישע רעפּובליק. אָט דאָס קעפּל גיט איבער דעם גאַנצן אינהאַלט און באַטייט פונ׳ם נייעם לעבן אין ווילנע.

און ווי מיט׳ן „ביאַליסטאָקער שטערן" אַזוי וואַרפן זיך אייך כסדר אין די אויגן ביים לייענען דעם „ווילנער עמעס" די ווערטער „ע ר ש ט ע ר," „נ י י ע ר", „ע פ ע נ ו נ ג", „ה ו י ב ן ־ אָ ן", „אָ נ ג ע ה ו י ב ן" — אַ נייער אָנהויב, אַ נייער בראשית...

„היינט — דער ערשטער טאָג פון אונזער יוגנט אין דער סאָציאַליס־טישער שול", „ערשטער יאָרגאַנג", „דער ערשטער טאָג פונ׳ם פּריזיוו אין דער רויטער אַרמיי", „דער ערשטע סאָוועטישער שול־יאָר אין ראַטן־ליטע", „דאָס נייע שול־וועזן", „ערשטער אידישער טעאַטראַלער אויפטו אין דער סאָוועטישער ליטע", „צום נייעם שול־יאָר גרייט דער מאַריאָנעטן טעאַטער „מיידים" אַ נייע קינדער־פּראָגראַם", „ערשטע איינטריט־עקזאַמענס אין ווילנער אידישן מוזיק־אינסטיטוט", „אין עטלעכע טעג אַרום הויבט שוין אָן פונקציאָנירן די מלוכה׳שע שניידעריי־פאַבריק אין דעם מאַזער־קאָמבינאַט אין ניי־ווילייקע" (יעדע צוויי מינוט אַ פאַרטיגער בגד), „אינדוסטריע־אַרטעל פון זעמשער הויבט־אָן זיין טעטיגקייט", „די מאַריאַמפּאָלער צוקער־פאַבריק הויבט־אָן אַרבעטן", „שטודיר־צימער פון אידישן וויסנשאַפטלעכן אינ־סטיטוט איז פון היינט, מאָנטאָג, דעם 23טן סעפּטעמבער אָפן טעגלעך", און אַזוי ווייטער און ווייטער.

אַ נייער אָנהויב, אַ נייער בראשית...

מיר האָבן ניט קיין מעגלעכקייט איבערגעבן די גרויסע, מערקווירדיגע דערגרייכונגען, וועלכע איר געפינט פאַרצייכנט אפילו אין איין טעגלעכן נומער פון „ווילנער עמעס". מיר וועלן דעריבער פּרוואוון איבערגעבן כאָטש אַ קליינע צאָל קעפּלעך איבער די געבראַכטע נייעסן, ווי אַשטייגער: „ד י פ אָ ר ש ט ע ל ו נ ג „ה י ר ש ל ע ק ע ר ט" א י ן א י ד י ש ן פ אָ ל ק ס ־ ט ע א ט ע ר א י ן ו ו י ל נ ע" (אַ מלוכה־

טעאַטער), „אַרבעטער־וואוינונגען וועלן רעמאָנטירט ווערן", „אַ פאַבריק אין אַ פירשטלעכן פּאַלאַץ", „די פעלקער פון מערב־ווייס־רוסלאַנד און מערב־אוקראַינע, אין ערשטן יאָר־טאָג פון זייער באַפרייאונג — אונזער פלאַמיגן באָלשעוויסטישן גרוס!", „אַ הויז פאַר קינסטלערישער דערציאונג פון קינדער", „דאָס נייע קאַפּיטל פון׳ם אידישן טעאַטער אין ווילנע", „דער פוטבאָל־מאַטש צווישן די אַרבעטער־מאַנשאַפטן „בווינע" (ווילנע) — „לעוועלאַ" (קאָוונע), „ס׳פאַדערן זיך 1,600 אַרבעטער אויף וואַלד־אַרבעטן", „די עפענונג פון דעם קלוב פאַר שרייבער און מאָלער אין קאָוונע".

פון מיטלאַלטער אין אַ פרייער וועלט

„ס׳ווערן אָרגאַניזירט געזונטהייט־קאָמיסיעס אין די פאַבריקן", „פינף שטאָטישע קיכן פון דער ווילנער שטאָט־פאַרוואַלטונג", „דער ערשטער קאָל־כאָז", „צו יונגע שרייבער", „די אָקושערן־שול אין ווילנע", „אין דעם רויטן יתומים־אַנשטאַלט", „אַ שפרונג פון מיטלאַלטער אין אַ נייער וועלט (אַ באַזוך אין אַ יתומים־הויז אויף לידער 7)", „דאָרטן, וואו ס׳ווערן געבוירן סאָוועטישע קינסטלער (אַ באַזוך אין דער ווילנער קונסט־אַקאַדעמיע)", „אין ווילנע ווערן געעפנט צוויי שולן פאַר דערוואַקסענע", „אַ פאַך, וואָס האָט אויפגעלעבט און צעוואַקסט זיך (אויוון־מאַכער)", „רעמאָנטירט 60 שול־לאָקאַלן", „שול־קינדער באַזוכן פאַבריקן", „אווטאָבוסן־קאָמוניקאַציע ווערט פאַרגרעסערט", „אונזער געווער איז — אונזער אומאויפהערלעכער שטייגנדיגער פּראָדוקציע", „דער גרויסער מלוכה׳שער טעכניקום אויף האַלענדערניע", „שיך־פּראָדוקציע וועט אין ווילנע פאַרגרעסערט ווערן", „אַ פּאַלאַץ פאַר פּיאָנערן אין ווילנע", „מושב זקנים אין גוט פּאַוולאָוואַ", „אַ ביבליאָטעק אויף עפנטלעכע אַרבעטן", „אין דער 3טער מלוכה׳שער האַנטווערק־שול רוישט שוין אין די וואַרשטאַטן", „קינדער אין די פאָלק־שולן וועלן באַקומען ביכער, שפּייז, זאַכן און שיך (פון 1טן אָקטאָבער הויבט זיך אָן די באַשפּייזונג אין די שולן".

נייע וואוינונגען און געהעכערטע לוינען

„אַ שרייבער־הויז אין ווילנע", „אַן אַרבעטער קולטור־צענטער אין אַ פאַבריק־ראַיאָן", „די יוגנט האָט זיך אַ ריס געטאָן צו געזונטער פּראָ־דוקטיווער אַרבעט (אין דער 1טער מלוכה׳שער האַנטווערק־שול אויף קאָ־פּאַנציע)", „דער גרויסער מעדיצינישער אַפּאַראַט, וואָס זאָרגט פאַר׳ן גע־זונט פון אַרבעט־מענטש", „ווילנער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָבן אָנגע־הויבן אַ לעבהאַפטע ספּאָרט־טעטיגקייט", „די גאַנצע באַפעלקערונג דאַרף מיטהעלפן אין קאַמף געגן ספּעקולאַציע", „היינט — ראַדיאָ־איבערגעבונג אין אידיש דורכ׳ן ווילנער ראַדיאָפאָן", „12 טויזנט מיטגלידער אין פּראָ־פאַראיינען פון ביוראָ און האַנדל־אָנגעשטעלטע", „פאַראייניגט די פאַבריקן פון פּאַפּיר־אויסאַרבעטונג און פאַרדאָפּלט די צאָל אַרבעטער", „1000 אַר־בעטער ביים בוי פון דער הידראָ־עלעקטרישער סטאַנציע אין טורנישעק",

„נייע קינאָס (מאָווי־טעאַטערס) אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן" — „באַוועגלעכע קינאָס אויפ'ן דאָרף", „געהעכערט די לוינען פאַר די אַרבעטנדיגע פון לססר", „די ווילנער אוניווערזיטעט־ביבליאָטעק צום נייעם סאָוועטישן אַקאַדעמישן יאָר", „ביי די איבערגעקליבענע אַרבעטער צו־גאַסט", „זעקס יאָר האָבן די מאַשינעס געזשאַווערט"... (וועגן דער איצטיגער גרויסער פּראָדוקציע אויף דער שיך־פאַבריק געוו. בערזאַק־עפּשטיין)".

און אַ שפּאָר־קאַסע איז שוין אויך דאָ!

„די אמת'ע באַפרייאונג פאַר אַ דערנידעריגטן פאַך (שטעפּער־אַרבעטער)", „צוויי נייע אַרבעטער־קלובן", „אַ גרויסער בעקעריי־קאָמבינאַט און ברויט־באַזע ווערט געשאַפן דורך אַלע ווילנער בעקער" „אברהם פלאַקבין — וויצע־האַנדל־קאָמיסאַר", „ביכער געדרוקט אין ווילנע", „אין קאָוונער אוניווערזיטעט ווערן אָנגענומען 940 נייע סטודענטן", „פאַרזאָמלונג פון ווילנער קינסטלער־פּלאַסטיקער", „71 פאָלק־שולן מיט 21,000 קינדער אין ווילנע, 60 קינדער־גערטנער — ראַיאָן־קולטור־הייזער אין דער גאַנצער שטאָט — מעדיציניש"ע הילף פאַר די שול־קינדער", „די אויסשטעלונג פון די ווילנער קינסטלער", „דערעפענונג פון דער מלוכה'שער שפּאָר־קאַסע אין ווילנע", „וועגן סטיפּענדיעס פאַר סטודענטן", „אַ נייע ווילנע פאַר די באַפרייטע אַרבעט־מענטשן (גרויסע הייזער־בלאָקן מיט באַקוועמע דירות ווערן אויסגעבויט ביים זאַקרעטער וואַלד)", און אַזוי ווייטער, און אַזוי ווייטער.

וואָס פאַר אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיג, וואונדערלעך, פילפאַרביג, צאַפּלדיג בילד פון דער נייער ווילנע פאַר די באַפרייטע אַרבעט־מענטשן!

פון קעלער־שטובן אין שיינע וואוינונגען

און ביז וואַנען עס ווערן פאַרטיג די „גרויסע הייזער־בלאָקן מיט באַקוועמע דירות" — דערציילט דער „ווילנער עמעס" פון 16טן סעפּטעמבער: „נעכטן האָט די וואוין־אָפּטיילונג ביי די פּראַפאַראַיינען ווידער אַריבערגעפירט, אויף די 5 גרויסע לאַסט־אויטאָס, אַרבעטער־משפּחות פון קעלער־שטובן אין שיינע, מענטשלעכע וואוינונגען... ביז'ן היינטיגן טאָג זיינען שוין אַריבערגעפירט געוואָרן אויף נייע וואוינונגען 150 אַרבעטער־פאַמיליעס. בקשות וועגן נייע דירות זיינען אָנגעגעבן געוואָרן קרוב צו 1000".

אָבער איך קאָן זיך ניט אָפּשטעלן אויף די טויזנט־און־איינס וואונדערלעכע אויפטואונגען. מיר האָבן אַ סך געלייענט וועגן דעם אויך אין די טויזנטער בריוו, וואָס די „מאָרגן־פרייהייט" האָט אָפּגעדרוקט.

איסט־בראָדוועיער שקר

די צייטונג „ווילנער עמעס" האָט איבערגעגעבן דעם זוניגן אמת וועגן ווילנע. אָבער די צייטונג „איסט־בראָדוועיער שקר",

וואָס הייסט אויף אַב. קאַהאַנ'ס „פּלעינעם" אידיש: „פאָרווערטס", האָט געהאַט די חוצפה אָפּצודרוקן מיט אַ צייט צוריק אַ באַריכט, גאָר אויבנאָן, אויף דער פאָדערשטער זייט, אין ריזיגן שריפט, אַז עס הערשט אַ „גרויסער הונגער אין ווילנע". געשיקט די קעיבל צום „פאָרווערטס" האָט איינער אַ שמאָלדראָווער, צי שמאַראַוואָזניק, וועלכער געפינט זיך אין לאָנדאָן, וועגן דעם, אַז אַ „קאָרעספּאָנדענט פון אַ שוועדישער צייטונג (אין סטאָק־האָלם), וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט פון די באַלטישע לענדער, שילדערט שרעקלעכן הונגער". ס'איז אַ מעשה, ווי אַ בלינדער האָט געזען, ווי אַ טויבער האָט געהערט, ווי אַ שטומער האָט געשריגן, ווען אַ לאָמער האָט אים נאָכגעיאָגט.

אָבער וואונדערן איז זיך ניטאָ וואָס אויף די „פאָרווערטס"־בהמות, וועלכע האָבן געקאָנט אַרויסקומען אפילו מיט אַזעלכע טרויעריג־באַרימט־געוואָרענע געשיכטעס וועגן „אַ מיליאָן אידישע פליכטלינגען, וואָס די סאָ־וועט־רעגירונג האָט פאַרשיקט אין די סיבירער וועלדער, וואו זיי מוזן אַרומ־גיין מיט זעק אויף די קעפּ און מיט גלעקער אויף די העלזער". און די ווייסטע, ווילדע געשיכטעס זיינען ווידערהאָלט געוואָרן פון די אַנדערע איסט־בראָדוועיער צייטונגען.

איז לייענט כאָטש אַזעלכע גרויסע אַנאָנסן אין „ווילנער עמעס":
„מיר בעטן די חשוב'ע קאָנסומענטן צו באַזאָרגן זיך מיט לעבעדיגע פיש אין פיש־האַנדל אויף פּאַלאַנגאַס (פּאָזנאַנסקע). דאָרט איז אויך צו באַ־קומען געטריקנטע שווּעמלעך. אַכטונג! די פּרייזן צוטריטלעכע".

איז לייענט כאָטש אין „ווילנער עמעס" וועגן „די שטאָטישע קיכן".
„די קיכן ווערן אויסגעהאַלטן דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג מיט לאָקאַלן, פּערסאָנאַל, באַהייצונג און באַלייכטונג, דערצו ווערן געשיקט דורכ'ן אָפּטייל פאַר סאָציאַלער שוץ עסער מיט באָנעס.

„אין דער קיך אויףברייטער 56 ווערן יעדן טאָג אַרויסגעגעבן 400—450 מיטאָגן. פון דעם 250 אויף באָנעס. די איבעריגע געצאָלטע צו 50 צענט (דאָס זיינען ל י ט װ י ש ע סענטן.—א. פּ.) אַ מיטאָג. די עסער אויף באָנעס האָבן אַ באַזונדערן אָפּטייל. זיי באַקומען 2 שפּייזן מיט אַ פערטל קילאָ ברויט. די אומזיסטע מיטאָגן באַקומען, מערסטנטייל, אַלטע לייט, קינדער, שוואַכע מענטשן, אַלץ אַזוינע, וואָס קענען ניט אַרבעטן, ווייל אַ ר ב ע ט ־ מ ע נ ט ש ן ב אַ ק ו מ ע ן ש ו י ן נ י ט מ ע ר ק יי ן ק צ ב ה, נ אָ ר אַ ר ב ע ט".

„אַ 50־צענטיגער מיטאָג באַשטייט פון — אַ קאָטלעט מיט מערעלעך־קאַשע און קאַרטאָפל־קאַשע זופּ פון פערלגרויפּן מיט קאַרטאָפל און שוועמ־לעך. ברויט ניט באַגרענעצט. אַזאַ מיטאָג קאָסט אין רעסטאָראַן 1.20 אָדער נאָך מער".

נאָך פרישע פיש — פרישע פלייש

„די קיך־פאַרוואַלטערין דעמידאָווא דערציילט, אַז ב ר ו י ט שטעלט צו „רוטא" (נאָמען פון ברויט־בעקעריי), פ ל י י ש „מאַיסטאַס" י ע ד ן ט אָ ג פ ר י ש ע, אַלע אַנדערע פּראָדוקטן „אורא". די קיך קאָן אַרויס־געבן ביז 1000 מיטאָגן אַ טאָג. דער פּערסאָנאַל באַשטייט פון 18 מענטשן, געשיקט דורך דער אַרבעט־בירזשע.

„די קיך אויף פּילאַצקע 28 געפינט זיך ווייט אויף אַ בערגל. יעדן טאָג ווערן אַרויסגעגעבן סך הכל 50 מיטאָגן, אין דעם —10 געצאָלטע צו 45 צענט. פריער, זאָגט די פאַרוואַלטערין דאַמישעוויטש, פלעגן מיר אַרויס־געבן 250 מיטאָגן אַ טאָג. א י צ ט אָ ב ע ר ז י י נ ע ן מ ע ר־ ס ט ע נ ט י י ל אוּמזיסטע ע ס ע ר א ו ו ע ק א ר ב ע ט ן. זיי פאַרדינען 8 און 10 ליט (אַ ליטווישער דאָלאַר) אַ טאָג און קענען זיך פ אַ ר ג י נ ע ן ב ע ס ע ר ע ש פּ י י ז ן.

„די ביליגע קיך אויף נאָווגאָראָד גיט אַרויס יעדן טאָג 410—415 מי־טאָגן. אויף מאַגיסטראַט באַנעם פלעגן ביז איצט אַרויסגעגעבן ווערן ניט מער ווי 25 מיטאָגן. דאָ זיינען די שפּייזן צו פאַרשיידענע פּרייזן: 35 צענט—דריי געריכטן, פאַראַן נאָך פאַר 25 צענט, 15 צענט און אפילו פאַר 10 צענט. איצט גייט אַריבער די ביליגע קיך מיט איר גאַנצער הויז צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. ד י ק י ך ו ו ע ט ר ע אָ ר ג א נ י־ ז י ר ט ו ו ע ר ן, ע ס ו ו ע ט פ ו ן א י ר א ו י ך א ר אָ פּ ד ע ר 50־יאָריגער שטעמפּל „ב י ל י ג ע ק י ך". די קיך קאָן אַרויסגעבן ביז 1,800 מיטאָגן אַ טאָג. דער פאַרוואַלטער לעווין דערציילט וועגן דער ביז־איצטיגער קיך־באַלעבאַטישקייט: מען איז געווען שטאַרק אויסגערעכנט, דער פּערסאָנאַל האָט גענומען גראָשענע לוינען.

און געקאָכטע און געבראָטענע טייבעלעך

„אויף באַן־גאַס 19 פאַרנעמט די קיך אַ רחבות'דיגן לאָקאַל אין „אָג־ניסקאַ". ריין, פיין. די טישן באַדעקט מיט צעראַטע. אַ בופעט איז אויך פאַראַן. פון די אַרויסגעגעבענע 150 מיטאָגן אַ טאָג זיינען 90—100 אויף באַנעם. די געצאָלטע מיטאָגן זיינען צו 50 און צו 80 צענט. דאָ קאָן מען שוין עסן געקאָכטע און געבראָטענע טייבעלעך, שניצלס, קאָטלעטן, אַ גולאַש. די זופּ איז מחיה'דיג גוט און געשמאַק. עס קענען דאָרט עסן אַלע, ווער עס וויל נאָר... אַלע שטאָטישע קיכן האָבן אַ זיכערע עקזיסטענץ. זיי וועלן אויף להבא אויסגעהאַלטן ווערן דורכ'ן פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר סאָציאַלער שוץ".

לעבעדיגע פיש, פרישע פלייש און געבראָטענע טייבעלעך — אָט ווי גרויס עס איז דער הונגער אין ווילנע!

פאַר גרויס „הונגער" האָט מען גאָר חתונה

„גרויס הונגער אין ווילנע" — איז לייענט אין „ווילנער עמעס" די פאָלגנדיגע אָנאָנסן פון די ווילנער „הונגעריגע" מענטשן:

„עליק'ן און פרומע'ן צו זייער חתונה אונזערע הארציגסטע גליק־וואונטשן. באסיע, עליע, בערל, גדליה און דאָדע", אָדער „סאָרע און יוסף! גליקאויף אייער נייעם געמיינזאמען לעבנסוועג. עווע און שמואל". א. אז. וו., א. אז. וו.

דאָס איז נאָר אַ מוסטער. מ'האָט חתונה, מיט מזל!

וואס ווילנער ליטוואקעס קאָנען אָפּטאָן פאַר גרויס הונגער — גאָר חתונה האָבן! און עס איז שוין אויך צוגעגרייט אַן אַקושערן־שול! און קינדער־גערטנער, שולן, אוניווערזיטעטן און פאבריקן!

יאַנ. 7, 1941.

באמת אַ טשיקאַווע געשיכטע

הערט אַ מעשה, וואָס האָט זיך פארלאָפן מיט'ן בלעם פון „פאָר־ווערטס", ש. מאָלדאווער.

דאָס איז דערזעלביגער, וואָס שטעלט צו טאָג איין טאָג אויס דעם „פאָרווערטס" די ווילדסטע ליגנערישע באריכטן וועגן די קאָמוניסטן און דעם סאָוועטן־פארבאנד. דאָס האָט ער געשיקט מיט עטלעכע וואָכן צוריק די טרויעריג־בארימטע קעיבל צום „פאָרווערטס" וועגן אַ גרויסן הונגער אין ווילנע.

דער ש. מאָלדאווער, אָדער ש. בלעם (זיין אמת'ער נאָמען), האָט אויך געקעיבלט וועגן לאַנגע רייען ביי די ווילנער שפּייז־קראָמען, וועגן גרויסן מאנגל אין לעבנס־מיטלען, ווייל די רויטע ארמיי האָט כלומר'שט אויפ־געפרעסן אַלץ וואָס זי האָט געפונען אין ווילנע (אָט אַ פרעסערקע!) און מ'האָט נאָך אַ סך ארויסגעפירט קיין סאָוועטן־פארבאנד.

עס איז נאָך דערציילט געוואָרן אין „פאָרווערטס", אַז איבער גאַנץ ווילנע ווערן טאָג־טעגלעך געמאַכט ארעסטן און הויז־זוכונגען ניט נאָר ביי רייכע, נאָר אפילו ביי אָרימע ארבעטער און מען נעמט צו ביי זיי דאָס געלט און אַלץ וואָס מען געפינט נאָר און מען קאָן נאָר צונעמען.

באַזונדערס פלייסיג האָט דער לאָנדאָנער „פאָרווערטס"־בלעם גע־קעיבלט אָפּט וועגן קאָמוניסטישע פארפאָלגונגען אויף די פרומע אידן אין ליטע, וועגן ארעסטן פון בארימטע רבנים (און אפילו אָנגערופן נעמען), וועגן פארפאָלגונגען געגן די ליטווישע ישיבה־בחורים; אַז מען האָט רבנים און ישיבה־בחורים פארשיקט קיין „סיביר", אַז די „יעווסעקעס" האָבן פארמאַכט אַלע שולן, א. אַז. וו. עס האָבן אפילו ניט געהאָלפן די אַפּליי־

קענונגען פון ליטווישע רבנים און ראשי ישיבות, וועלכע זיינען לעצטנס אנגעקומען אין אמעריקע. עס האט אפילו ניט געהאָלפן די קעיבל, וואס דער רב מרדכי שולמאן אין ניו יארק האט געקראָגן פון דער סלאָבאָדקער ישיבה אין קאָוונע, אז די ישיבה־בחורים האָבן געפּראַוועט דעם יום־טוב חנוכה „אויפ'ן טראַדיציאָנעלן פלאַקערדיגן סלאָבאָדקער שטייגער".

איז איצט געקומען דער „פאָרווערטס", אליין און זיך אפּגעשמיסן!

דעם 30טן יאַנואַר, 1941, האט דער „פאָרווערטס" אפּגעדרוקט „א בריוו פון לאָנדאָן פון ש. מ א ל ד א ו ו ע ר", מיט וועלכן ער שטעמפּלט זיך אליין אלס בלאָפער!

דאס איז א גאנץ היבשער אַרטיקל אונטער א קאָפּ: „די פרומע אידן פון ליטע אונטער דער קאָמוניסטישער הערשאַפט", וואס איז אויסן צו א ט א ק י ר ן די אידישע קאָמוניסטן פאַר זייערע „פארפאָלגונגען" נעגן די פרומע אידן פון ליטע. אָבער אויסגעלאָזט האט זיך — ווי ביי בלעם הרשע — גאָר עפּעס אַנדערש. ניט געקוקט אויף אלע באַמיאונגען פון דעם „פאָרווערטס"־בלעם, (און מעגלעך, אז ער ווערט נאָך „צוגעפיקסט" אין „פאָרווערטס") צו פאַרדרייען אלע פאַקטן און שילדן, האט ער דאָך, ניט ווילנדיג, איבערגעלאָזט געגוג נייעס, וואס האָבן אפּגעלייקנט זיינע אייגענע געקעיבלטע בלאָפס.

אט זעט אליין און לייענט, וואס ש. מאַלדאַוועער שרייבט וועגן דעם אין „פאָרווערטס" פון 30טן יאַנואַר, 1941:

„די בארימטע ישיבות פון סלאָבאָדקע און טעלז באַנוצן זיך דער־ווייל מיט דער „ווייבער ליניע" און זעצן טיילווייז פאַר זייער טעטיגקייט. ... אינטערעסאַנט, אז די אידיש־קאָמוניסטישע פרעסע נעמט די ישיבה־בחורים אונטער איר שוץ און דערציילט, אז די ישיבה־בחורים קלאָגן זיך אויף די פאַרוואַלטונגען, און די פּשרה־מאַכער זיינען עס די אידישע קאָמוניסטן! זיי זוכן אויס און וואס די טענות באַשטייען". (דאס איז אגב אין איינקלאַנג מיט דער דערקלערונג פון טעלזער ראש ישיבה, דוכט זיך, ביים אנקומען ניט לאַנג פון ליטע אין ניו יאָרק, אז ניט נאָר פאַרפאָלגט מען ניט די ישיבה־בחורים און כלי קודש, נאָר די סאָוועטישע באַאַמטע האָבן זיך אויסגעדריקט אין א שמועס מיט אים: „מיר וועלן אייך נ י ט ש ט י צ ן , נ א ר מיר וועלן אייך ש י צ ן".) און ווייטער דערציילט ש. מאַלדאַוועער אין דעם בריוו:

„אין די קאַרגע הונדערט־און־פופציג שטעט און שטעטלעך פון ליטע זיינען פאַראַן רבנים, און זיי זיצן נאָך היינט אויף זייערע ערטער. זיי ווערן דערווייל אויסגעהאַלטן פון פריוואַטע מיטלען, פון מענטשן, וואס צאָלן דעם רב, ער זאָל האָבן עפּעס אויף חיונה. אידן אין ליטע האָבן נאָך אביסל מזומנים, האָבן זיי במילא אויך פאַר דעם רב. קיין רדיפות מצד דער מאַכט אויף רבנים זיינען ניטאָ.

„דערציילט אין דער פרעסע א קאָמוניסט — א איד, א הויכער באאמטער פון דער רעגירונג:

„דער טאַטע קומט און בעט ביי מיר 20 רובל.

— שאַיקע, — זאָגט ער (אַזוי הייסט דער קאָמוניסט), — גיב 20 רובל פאַר'ן רב.

„זאָג איך צו אים:

— איך דאַרף ניט קיין רבנים! זאָג מיר נ י ט, צו וואָס דו דאַרפסט די 20 רובל, וועל איך דיר געבן דאָס געלט...

„און אַזוי קומט אויס, אַז דער הויכער באאַמטער און געטרייער קאָמוניסט גיט 20 רובל פון זיינע פאַרדינסטן פאַר'ן רב, כאָטש ער מאַכט עס אומדירעקט. ווער קען זיך דערגרונטעווען צו דער נשמה פון א קאָמוניסט — א ליטוואַק?... אויב ער טוט עס אַפילו צוליב כיבוד־אב, איז עס אויך א גוואַלדיגע מדרגה".

(פאַרשרייבט זיך דאָס אויף אייערע קופּערנע שטערנס, איר בלאָפער פון איסט בראָדוועי!

אייער ש. מאַלדאַווער אַליין באַשטעטיגט, אַז די ישיבות פון סלאָבאָדקע און טעלז זעצן פאָר זייער טעטיגקייט. די קאָמוניסטישע פרעסע נעמט אַפילו די ישיבה־בחורים אונטער איר שוץ.

אין די 150 שטעט און שטעטלעך פון ליטע זיינען פאַראַן רבנים, און זיי זיצן נאָך היינט אויף זייערע ערטער (מען האָט זיי ניט אַרעסטירט און ניט פאַרשיקט קיין „סיביר"). קיין רדיפות מצד דער מאַכט אויף רבנים זיינען ניטאָ. אידן אין ליטע האָבן נאָך געננוג מזומנים אַפילו אויסצוהאַלטן דעם רב. (די אַלע מעשיות וועגן הונגער זיינען, הייסט עס, ווייסטע ליגנס). אומדירעקט צאָלן אַפילו קאָמוניסטן, הייסט עס, די רבנים. און צום סוף גיט ש. מאַלדאַווער אַפילו א קאָמפּלימענט די אידישע קאָמוניסטן אין ליטע פאַר זייער האַלטן פון כיבוד־אב, וואָס „איז א גוואַלדיגע מדרגה".

און טאָמער וויל ער פאָרט שילטן און איבערפירן די פּאַס האָניג מיט א לעפל דזשעגעכץ — געלינגט דאָס אים אויך ניט. ש. מאַלדאַווער פאַרגעסט אָבער ניט, אַז ער שרייבט פאַר'ן „פאָרווערטס". ער איז, ווייזט אויס „אַליין פון ליטע און דאַרף איצט מאַכן א לעבן פון „פאָרווערטס" אין לאָנדאָן. דערלויבט ער זיך אויסצוטראַכטן, אַז „די אידישע קאָמוניסטן פירן־אָן אין דער פרעסע און אויף מיטינגען א פיל שטאַרקערע אַנטי־רעליגיעזע קאַמפּאַניע (ווי די ליטווישע קאָמוניסטן). דערביי זיינען די אַנטי־רעליגיעזע אַגיטאַטאָרן יונגעלייט פון פרומע אידישע משפחות". ווי שטימט די באַמערקונג מיט'ן גאַנצן בריוו? און פון וואַנען קאָן עס דער מאַלדאַווער, וואָס זיצט אין לאָנדאָן, וויסן, אַז די ליטווישע קאָמוניסטן פירן־אָן א פיל שוואַכערע קאַמפּאַניע?

ס'איז אַנטי־קאָמוניסטישער פּלפּול און פּלאַפּלעריי און מער גאָרניט.

און ווייטער אין אַרטיקל גיט דער מאַלדאַווער איבער אָט וואָס:

„אַ קאַריערע האָט געמאַכט אַ געוועזענער רעפּאָרטער פון דער פּועלי־ציוניסטישער ציימונג „דאָס וואָרט". ער איז היינט דער די־רעקטאָר פון דער טעלעגראַפן־אַגענטור פון דער ליטווישער סאָוועטן־רעפּובליק. ניט קיין שלעכטער אוואַנס. מען דאַרף זיין גערעכט און צוגעבן, אַז ער איז אַ גאַנץ פייאיגער בחור. דאָס האָט אים געמאַכט זיין קאַריערע, טראָץ דעם, וואָס ער איז אַמאָל געווען אַ לינקער „השומר הצעיר'ניק", ניט קיין גאַנצער קאָמוניסט. אַז איר זוכט, ווער עס איז דער פּאָרזיצער פון דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די לערער (פון גאַנץ ליטע), געפינט איר אַ אידישע דאַמע, אַ לע־רערין אין אַ גימנאַזיע. מען וואָלט געקענט ציען און ציען די ליסטע. אויף קלענערע אַמטן שווייבלט און גריבלט מיט אידן. צווישן די „סטאַכאַנאָווצעס" זיינען אידן אויך גאַנץ שיין רעפּרעזענטירט. פון די אידישע ליטעראַטן געפינען מיר דוד אומרו, אַ יונגערמאַן, אַלס רעדאַקטאָר פון ווילנער „אמת".

ש. מאָלדאַווער גיט איבער ווייטער, אַז קיין ביכער פון דער „מאַפּו־ביבליאָטעק" האָט מען ניט פאַרניכטעט, כאָטש ער אַליין האָט פריער גע־שיקט אַ קעיבל צום „פאָרווערטס" פונקט דעם היפוך דערפון!

ס'איז נענוג אָבער צו אונטערשטרייכן ש. מאָלדאָווער'ס ווערטער אַז „מען וואָלט געקאָנט ציען און ציען די ליסטע" פון אידן אויף הויכע אַמטן אין ליטע. און אויף קלענערע אַמטן איז דאָך שוין אָפגערעדט: „אויף קלענערע אַמטן שווייבלט און גריבלט מיט אידן". אַפילו געוועזענע ציוניסטן גיט מען וויכטיגע שטעלעס, אויב זיי זיינען נאָר פייאיג. און „צווישן די „סטאַכאַנאָווצעס" זיינען אידן אויך גאַנץ שיין רעפּרעזענ־טירט". איז וואָס דאַרף מען נאָך צוגעבן, אויב אַזוי קאָן שרייבן דער „פאָרווערטס"־בלעם ש. מאָלדאַווער אַליין!

אין דער זעלביגער רעאַקציאָנערער אידישער פּרעסע האָט מען גע־דרוקט מיאוס'ע און אידיאָטישע ליגנס, אַז אין ליטע לאָזט מען ניט צו קיין אידן אויף וויכטיגע אַמטן!

ס'איז קלאָר, אַז די ווילנער אידן, ווי אַלע אידן אין ליטע, לעבן איצט פרייער און גליקלעכער, ווי ווען ניט איז און וואו ניט איז, און דאַנקען אָפּ פאַר דעם דער סאָוועט־רעגירונג מיט געטרייער, איבערגעגעבענער „סטאַ־כאַנאָווישער" אַרבעט. אָט דאָס איז וויכטיג צו געדענקען!

דער אמת מוז אַרויסקומען אָדער אַרויפקומען ווי בוימל אויפ'ן וואַסער, זאָגט אַ פאָלקס־ווערטל. דער אמת וועגן די ווילנער אידן, וועגן די אידן אין ליטע, האָט זיך דורכגעריסן, כאָטש פאַרשטעלט אונטער אַ פרעמדן קאָפּ און פאַרקריפּלט, אַפילו אויף די זייטן פון „פאָרווערטס". מיר זיינען דעריבער זיכער, אַז ער וועט ענדלעך דערגיין צו די הערצער און מוחות און באַוואוסטזיין פון אַ ל ע אידישע האָרעפּאַשניקעס.

פעב. 12, 1941.

זיבעציג שיפן מיט צען-גאָרנדיגע ליגנס

זיבעציג שיפן מיט צען־גאָרנדיגע ליגנס אויף אכט־קאָלומדיגע קעפּ — יאָ? עס שטימט.

ווער געדענקט עס ניט דעם טרויעריג־באַרימטן ריזיגן אכט־קאָלומדיגן קאָפּ גאָר פון סאַמע אויבן אויפ'ן פאָדער־זייט פון צען־גאָרנדיגן „פאָרווערטס", וואָס האָט אין 1939 אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז 70 שיפן מיט שפּייז זיינען פון סטאַלינ'ען אָפּגעשיקט געוואָרן צו היטלער'ן?

זיבן איז אַ ליגן, זאָגט מען. און זיבעציג איז צען מאָל זיבן, אַ צען־גאָרנדיגער ליגן. צו די זיבעציג שיפן מיט צען־גאָרנדגע ליגנס פון 1939 זיינען צוגעקומען אין „פאָרווערטס" זיבעציג טויזנט אַנדערע ליגנס אין 1940. און עטלעכע פון די סאַמע ווילדסטע ליגנס האָט נאָך דער „פאָרווערטס" אַריינגעכאַפּט אין די לעצטע עטלעכע טעג פונ'ם פאַרגאַנגענעם יאָר.

איך האָב אינזינען די „נייעס" וועגן „גרויסן הונגער אין ווילנע", און די ענלעכע פאַבריצירטע ווילנער „נייעס" אין דעם „קאָלעקטיוון" פּאַסקוויל פון ל. ש.—א. ל. פאַר די דרייסיג זילבערנע שקלים...

איז וועגן „הונגער" אין ווילנע האָב איך שוין געשריבן.

אין דעם טרויעריג־באַרימטן פּאַסקוויל איז נאָך דערקלערט געוואָרן ניט מער און ניט ווייניגער, צווישן טויזנט אַנדערע ליגנס, אַז — „אין *דער אמת'ן האָט די סאָוועטישע מאַכט אַ נעגאַטיווע באַציאונג צו אידיש*".

איז וועגן דעם און וועגן די ענלעכע „סיביר"־ליגנס גענוג צו דערמאָנען די סאַמע לעצטע נייעס־באַריכטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז בערגעלסאָן, מאַרקיש, ווינער, דאָברושין, האַלקין, קושניראָוו און קוויטקאָ זיינען קאַנדידאַטן פאַר די יערלעכע סטאַלין־פּרעמיעס אין דער ליטעראַטור; אַז בלויז דער פאַרלאַג „עמעס", אין מאָסקווע, האָט אין 1940 אַרויסגעגעבן אַ מיליאָן מיט 300 טויזנט אידישע ביכער; אָדער אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען שוין דערשינען *העכער דריי מיליאָן ביכער פון שלום־עליכם*...

וואו אַנדערש, אין וועלכן אַנדער לאַנד קאָן די אידישע ליטעראַטור אָנווייזן אויף אַזאַ עשירות?

צי דאַרף מען נאָך דערמאָנען די גרויסע צאָל אידישע פאָלקס־שולן און מיטעלע און הויך־שולן מיט טויזנטער אידישע לערער, די אידישע מלוכה־טעאַטערס, די אידישע ראַיאָנען און בירא־בידזשאַן, מיט אידיש אַלס מלוכה־שפּראַך און מיט די אידישע ווערטער אויפ'ן מארקע־שטעמפּל?

אָבער איך וויל דאָ דער עיקר אויפדעקן דעם „פאָרווערטס"־ליגן וועגן די ווילנער אידישע סאָוועטישע שולן, אז

„...די שולן, וואָס האָבן אָנגענומען אידיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך, שטייען כ מ ע ט ל י י ד י ג, ווייל די קאָמוניסטן פירן אָן אַ שטאַרקע אגיטאַציע צווישן דער באַפעלקערונג צו שיקן זייערע קינדער אין די רוסישע שולן, וואו מען לערנט אַלץ אויף רוסיש... דערפאַר זיינען איצט אַלע רוסישע שולן געפּאַקט מיט אידישע קינדער, און די אידישע שולן פוסטעווען"...

די פאַקטן ריידן פאַר זיך אַליין

„אויפ'ן ע ר ש ט ן ש ט א פ ל פון ניט־אויפהערלעכן שטייגן" איז דאָס קעפּל איבער'ן לייט־אַרטיקל אין דער ווילנער טעגלעכער צייטונג „ווילנער עמעס" פון 16טן סעפּטעמבער, וועלכער הויבט זיך אָן מיט די פאָלגנדיגע ווערטער: „היינט עפענען זיך די שולן פון אונזער לאַנד", און ער ענדיגט זיך מיט די שורות: „היינט ווערט געמאַכט דער אָנהויב פון אַ נייער דערציאונג פון אונזערע קינדער, היינט גייט אויף אונזער צוואוקס אויפ'ן ערשטן שטאַפּל פון אומאויפהערלעכן שטייגן".

און ל י י ב א פ ע ס ק י ן שרייבט אין זעלבן נומער: „עס איז ווייניג צו זאָגן, אַז עס הויבט זיך אָן דער נייער פּעריאָד. ריכטיגער — עס הויבט זיך אָן דער ע ר ש ט ע ר שול־יאָר... די היינטיגע דאַטע עפנט אַ נייעם בלאַט אין דער געשיכטע פון דעם שול־וועזן אין ליטע".

אין ווילנער „עמעס" פון 2טן אָקטאָבער געפינען מיר די פאָלגנדיגע פאַקטן וועגן די ווילנער פאָלקס־שולן לויט אַ באַריכט פון ווילנער שול־אינספּעקטאָר בילישים: עס זיינען פאַראַן 71 פאָלקס־שולן אין ווילנע, 60 קינדער־גערטנער, מעדיצינישע הילף פאַר די קינדער. פון 1טן אָקטאָבער האָט זיך אָנגעהויבן די באַשפּייזונג אין די שולן. די קינדער אין די פאָלקס־שולן באַקומען שפּייז, זאַכן און שיך און ביכער. און — „אין אַלע 71 פ אָ ל ק ס ־ ש ו ל ן לערנען זיך איצט 21 ט ו י ז נ ט ק י נ ד ע ר. די לערער זיינען שוין אומעטום באַשטימט געוואָרן. די גרעסטע צאָל נייע לערער (20) איז צוגעקומען אין די אידישע שולן"... אַט אזוי פוסטעווען עס די אידישע פאָלקס־שולן — מיט צוגעקומענע נייע לערער!

און אָט געפינען מיר אין דעם „ווילנער עמעס" וועגן שול־יום־טוב צום נייעם לערן־יאָר:

„אין דער פאָלקס־שול אויף טראָקער 7, וואו גאָר ניט לאַנג האָט

זיך געפונען די אסימילאטארישע „שאבאסואווקע", העגנגען רויטע סטענגעס, טראנספאראנטן און בילדער פון די סאוועטישע העלדן און פירער".

„דער לערער בולקין האט דערקלערט, אז אין דעם שול־בנין וועלן לערנען שילער פון 3 פאלקס־שולן. ביי דער נייער פאלקס־שול ווערט אויך געשאפן א קינדער־קלוב.

„אויך די גאר קליינטשינקע קינדערלעך האבן געגאסן פונ'ם שול־יום־טוב. די לערער האבן זיי געפירט אין די קינאס, צום „מיידים" און אין די טעאטערס. די קינדער פון דער געוועזענער „תלמוד־תורה" זיינען צום ערשטן מאל אין זייער לעבן געווען אין קינא".

אין די ווילנער אידישע מיטל־שולן

איז אפשר פוסטעווען די ווילנער מיטל־שולן, די אידישע גימנאזיעס?

געפינען מיר אין „ווילנער עמעס", אין א דערקלערונג פון פאלקס־קאמיסאר פאר בילדונג, ווענצלאווא, אז —

„פון די באריכטן האט זיך אויך ארויסגעוויזן דער גרויסע רוואוקס פון שילער אין דער 12טער, 13טער און 14טער גימנאזיעס מיט דער אידישער לערן־שפראך... עס איז ווערט צו באמערקן, אז אלע 6 פריערדיגע אידישע און העברעאישע גימנאזיעס אין ווילנע האבן געהאט אין 1טן קלאס א דריטל שילער פון דער איצטיגער אויבנדערמאנטער צאל (בלויז אין ערשטן קלאס אליין פון די דריי גימנאזיעס זיינען צוגעקומען 859 שילער). איצט האט, אלזא, א שפאר געטאן אין שול די ברייטע מאסע.

„די דריי מלוכה־גימנאזיעס מיט דער אידישער שפראך וועלן האבן 54 קלאסן. די גימנאזיעס פון די געוועזענע רעאל־גימנאזיע, פרץ־גימנאזיע און עפשטיין־גימנאזיע וועלן ניט קאנען ארייננעמען אלע קינדער. ס'וועט מסתמא, געשאפן ווערן א פערטע גימנאזיע מיט דער אידישער לערן־שפראך".

אט ווי אזוי עס „פוסטעווען" די ווילנער אידישע מיטלשול־גימנאזיעס — דריי מאל אזויפיל שילער אין ערשטן קלאס, און מ'וועט מוזן שאפן א נייע גימנאזיע צוליב די „טויזנטער יוגנטלעכע, וואס האבן זיך מיט א גוואלדיגן שטראם א שפאר געטאן אין די פאלקס־שולן, גימנאזיעס און פאך־שולן"!

איך קאן ניט אויסנוצן דעם קאלאסאל־רייכן מאטעריאל וועגן ווילנער אידישן שול־וועזן, וואס געפינט זיך אין די אנגעקומענע נומערן פון „ווילנער עמעס". פאראן זייער אינטערעסאנטער מאטעריאל וועגן די פאלקס־שולן, וועגן די מיטל־שולן, וועגן די 7 האנטווערקער־שולן, וועגן אידישן טעכניקום, די יתומים־הייזער, וועגן דער אידישער מוזיק־שול, וועגן די אידישע סטודענטן אין ווילנער אוניווערזיטעט, וועגן דער אידישער קאטעדרע אין ווילנער אוניווערזיטעט און וועגן אידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט.

און געדאַרפט וואָלט מען נאָך שרייבן גאָר אַ סך וועגן דער 14טער מיטל־שול, לויט די פּראַכטפולע באַשרייבונגען פון מ. חיימסאָן און ב. לובאָצקי. דאָ וויל איך אויך אונטערשטרייכן דעם פאַקט, אַז ביידע דער־מאָנען דעם שטודיר־צימער פון „ייוואָ" (אידישער וויסנשאַפטלעכער אינ־סטיטוט), אין פאַרבינדונג דערמיט, וואָס „ניט ווייניגער ווי 50 שילער פלעגן יעדן טאָג (אין די צען טעג פון דער זאַמל־אַרבעט) אים באַזוכן. מען האָט דאָרטן פאַר אונזערע שילער אויסגעטיילט באַזונדערע צימערן, וואו זיי האָבן זייער פלייסיג געאַרבעט".

און אָט וועל איך עפּעס ברענגען וועגן פּוסטעווען — „איבער 8 יאָר צייט האָבן געפּוסטעוועט די צימערן אין די לערן־אַנשטאַלטן פון דער האַנטווערקער־שול", און איצט — לערנען זיך דאָרט 240 שילער. די שול האָט 5 קלאַסן, און עס שאַפט זיך אַ 6טער קלאַס, א. אז. וו., א. אַז. וו. אָט אַזעלכע שולן האָבן געפּוסטעוועט אונטער דעם פריערדיגן רעזשים און זיינען אויפגעריכט געוואָרן אונטער דער קאָמוניסטישער מאַכט.

און מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז דאָס איז נאָר דער ע ר ש ט ע ר ש ט אַ פּ ל פון ניט־אויפהערלעכן שטייגן! און שטעלט זיך פאָר, וואָס עס וועט זיין אויפ'ן צווייטן, דריטן און אויף די „אויב נישט נאָך העכער" שטאַפּלען!

יאַנ. 13, 1941.

די „שטומע" ווילנער אידן

„די ווילנער אידן וועלן אייביג ניט זיין שטום; אויך צו זייערע ליידן וועט אַמאָל קומען אַ סוף", האָט אויסגערופן ש. ניגער אויף דער קאָנווענשאָן פון אידישן אַרבעטער קאָמיטעט, ווערט איבערגעגעבן.

אין אַן אַנדער צייט וואָלט מען אפשר געשטוינט און עס וואָלט געקלונ־גען אומגלויבלעך, אַז ש. ניגער זאָל אויך זיין פייאיג אויף אַזעלכע ווערטער. אָבער, ווי זאָגט דאָס מכשפה־יעגערל אין „טאָג": „היינטיגע צייטן..."

די ווילנער אידן זיינען ניט נאָר ניט שטום, נאָר זיי ריידן איצט מער און פרייער ווי ווען עס איז אין זייער געשיכטע!

און ניט נאָר ריידן זיי אַ סך — זיי שרייבן אַ סך, זיי זינגען אַ סך און טוען גאָר אַ סך. און די ווילנער אידן ריידן איצט אידיש מער און פרייער ווי ווען ס'איז אין זייער געשיכטע. עס ריידן איצט דאָרטן אידיש אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן קיינמאָל פריער ניט גערעדט קיין אידיש.

עס האָבן זיך צערעדט די ווילנער מויערן און ווענט אויף אידיש. אפילו די ווילנער לופט־כוואַליעס זיינען פול געוואָרן מיט רייד און

געזאַנג פון די ווילנער אידן. דאָס איז דער אמת וועגן ווילנע אונטער דער סאָוועטן־מאַכט.

די רויטע אַרמיי איז אַריין אין ווילנע און באַלד איז „אָפּגעווישט געוואָרן דער נאַכטיגער פיבער" פון די ווילנער אידן, — ווי גראַדע זאָגט אין דעם פריער־ציטירטן ליד, — און האָט אפילו פון די ווילנער אַלטע הייזער, הויקערדיגע גאַסן, „אָפּגעווישט פון די מויערן אי בלוט, אי שימל". און „ס'האָט היינט דיין מזל זיך צעלויכטן ווי די זון", ווי עס האָט דערקלערט א צוווייטער אידישער דיכטער פון פוילן, שלום זשירמאַן אין זיין ליד „ווילנע".

און דאָס אידישע פאָלק אין ליטע, „וואָס איז אַרויס פון טונקעלן ליק צו זיג, צו גליק", האָט אָנגעהויבן ריידן, ווי ס'האָט נאָך קיינמאָל ניט גערעדט — יעדעס איינציגע וואָרט אָטעמט איצט מיט שעפערישקייט, פייערלעכקייט, יום־טוב, און דער עיקר — מעשים. דאָס נייע וואָרט איז געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון נייער טאַט.

אָט האָבן מיר געלייענט אין דער „מאָרגן־פרייהייט" פון 31טן יאַנואַר, 1941, די פאָלגנדיגע שורות אין א בריוו פון א יונגער אַרבעטער־מיידל פון יאַנעווע, ליטע:

„טייערע טאַנטע! ווען איך וואָלט אייך איצט געהאַט דאָ, וואָלט איך אייך אַזויפיל געקענט דערציילן, דוכט זיך, עס וואָלט זיך קיינמאָל ביי מיר קיין רייד ניט אויסגעשעפּט. אַזויפיל איבערלעבענישן, אַזויפיל גליק אין אַזא קורצער צייט!... איך בעט אייך אַנטשולדיגן פאַר אַזויפיל ריידן. איך קען אָבער ניט אַנדערש. איר קענט מיך ניט אָפּהאַלטן. עס ווילט זיך אַזויפיל ריידן און אייך דערציילן. ביי אונז אין שטוב זעט אויס דאָס לעבן אינגאַנצן אַנדערש. אָנשטאָט די שטענדיגע זאָרג און דלות האָבן זיך ביי אונז געוויזן גאָר נייע געסט — אַרבעט, גליק און פרייד".

איז ווי געפעלט אייך עפּעס די „שטומע" אידישע מיידל?

אָט ווי עס רעדט איצט א אידישע אַרבעטער־מיידל פון ליטע! זי פאַרמאָגט דאָך אין דעם בריוול שורות, וואָס מעגן זיך געפינען אין די שענסטע לידער. און אַזעלכע בריוו ווערן דאָך געדרוקט יעדן טאָג, אַזעלכע בריוו קומען דאָך איצט אָן אין ריזיגע צאָלן. די בריוו אַליין זיינען דאָך א הימטאָרישע דערשיינונג, א וויכטיגער פאָלקלאָר־אוצר, וואָס פאַרדינט געפאָרשט צו ווערן! און ניט אומזיסט האָט דער באַרימטער אידישער דיכטער פון פוילן, משה בראָדערזאָן, איצט געזונגען:

„אַזויפיל זון — אַזויפיל רעגנבויגן,
אַזויפיל פרילינג מיטאַמאָל;
אַזויפיל פרייד און גליק עס שטראָמט אַריין אין מיינע אויגן,
אַזויפיל ליד אין יעדן מענטשן־קול".

און אָט שרייבט ניט קיין דיכטער, נאָר א רעפּאָרטער, וואָס גיט אפילו ניט אָן זיין נאָמען, וועגן א מיטינג פון די קאָוונער אידישע מאַסן:

„ביזט, זאָגסטו, מיד פון די איבערלעבונגען; ביזט, זאָגסטו,

> באוועגט ביז דיינע טיפסטע טיפעניש פון דאָס געזעענע. טאָ גיי, גיי און צעטראָג איבער ליטווישער שטאָט און שטעטל, איבער אידישע היימען און אידישע הייזער די פרייד פון געוואונענעם גליק, דעם קלאַנג פון צעריסענע קייטן, דעם פרייהייט־גרוס פון צעכוואַליעטע מאַסן. גיי און זאָג די אידישע אַרבעטנדיגע מאַסן, אַז דאָס פאָלק האָט זיין לאַנד צוריקגעוואונען, און דאָס לאַנד — זיינע פאַרטריבענע און פאַרפייניגטע זין, זיינע צעטראָטענע און צעשטויסענע רעכט, זיינע מיט געוואַלט־דערוויטערטע פידער און וועגווייזער..."

איז ווי געפעלט אייך עפּעס דער „שטומער" אידישער רעפּאָרטער ?

אָט־די פּאָעטיש־נביא'ישע שורות, האָב איך שוין פריער אָנגעוויזן. זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַרן נייעם לעבן אין ליטע. לייענענדיג דעם צאַפּל־דיג־דראַמאַטישן מאַטעריאַל הערט איר ממש „דעם קלאַנג פון צעריסענע קייטן, דעם פרייהייט־גרוס פון צעכוואַליעטע מאַסן". איר פילט ממש „די פרייד פון געוואונענעם גליק", ווען „דאָס פאָלק האָט גענומען זיין גורל אין די אייגענע הענט". איר זעט ממש די „גאָר נייע געסט — אַרבעט, גליק און פרייד", „אַנשטאָט די שטענדיגע זאָרג און דלות". און דערפאַר: „אַזויפיל ליד אין יעדן מענטשן־קול".

און ווי גוט עס איז צו לייענען די פאָלגנדיגע ווערטער וועגן דער רעדע פון ווילנער אידישן דרוקער קאַריסקו:

> „קאַריסקי (אידיש) דערמאָנט, אַז נאָך מיט אַ וואָך צוריק האָט ער גערעדט אויף אַ מיטינג בלויז אין נאָמען פון אידישע דרוקער, איצט שוין אין נאָמען פון אַלע דרוקער־אַרבעטער. אַ סך מענטשן קאָנען ניט פאַרשטיין דעם ענטוזיאַזם, וואָס באַהערשט דעם אַרבעטס־מענטש, און דער ענטוזיאַזם וואַקסט נאָך. ער דערמאָנט זיך, אַז דאָ, אויפן לוקישקער פּלאַץ, האָט אַ אידישער מענטש פריער ניט געקאָנט אַזוי הויך ריידן אידיש. דער פּלאַץ האָט נאָר געזען יונגע מענטשן געשמידט אין קייטן, וואָס מ'האָט געפירט אין דער טרויעריג־באַרימטער לוקישקער טורמע; מיר פּראָקלאַמירן דאָ איצט די פעלקער־פאַרברידערונג אין ליטע".

איז ווי געפעלט אייך עפּעס דער „שטומער" ווילנער אידישער דרוקער־אַרבעטער ?

און אין ווילנער אוניווערזיטעט, וואו עס זיינען געווען געטאָ־בענק פאַר אידישע סטודענטן און אידיש בלוט האָט זיך אָפט געגאָסן, געפינט זיך איצט אַ אידישע קאַטעדרע, מיט נח פּרילוצקי אַלס דירעקטאָר, און אידישע סטודענטן שטודירן די אידישע שפּראַך, ליטעראַטור קולטור, דאָס אידישע לעבן.

און אין דער ווילנער צוועלפטער אידישער גימנאַזיע (געוועזענע פּריוואַטע מיטלשול פון עפּשטיין שפּייזער), אונטער דער סאָוועטן־מאַכט,

„האָבן אַ קלונג געטאָן צום ערשטן מאָל זינט די גימנאַזיע עקזים־טירט, די מונטערדיגע, פרייע טענער פון אונזער הארציגן מאמע־לשון". און דער „אויפנעם אין די ווילנער אידישע מיטלשולן האָט אַרויבערגעשטיגן אַלע אויסרעכענונגען".

און ב. מ אַ ר ק שרייבט פון ווילנע: „עס קומט פאַר אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג — אַ סך פּליטים אינטעליגענטן, פריער פּאָלאָניזירטע, לערנען זיך אידיש און ווערן לערער אין די אידישע שולן".

„אָקאָרשט נאָך האָבן מיר זיך געראַנגלט מיט די שווערסטע, ביטערסטע נויטן; אָקאָרשט נאָך האָט מען אונז אָפּגעזאָגט דעם לעבן — און היינט האָט די סאָוועטן־מאַכט אונז אויפגעריכט און באַגליקט; היינט זיינען די פינצטערע כמאַרעס פאַרפלויגן, און איבער אונז לייכט אַן אויסגעלייטערטער, קלאָרער הימל, מיט אַ זון, וואָס באַשיינט אַלע אַרבעטער גלייך... היינט, דריי מיט אַ האַלב חדשים נאָכ'ן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי אין אונזער לאַנד, האָבן מיר: אַרבעט, אַ דאַך איבער'ן קאָפּ, אַ גערעכטן לוין, אַ זיכערן מאָרגן און פרייהייט, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פרייהייט"! — האָט געזאָגט יוסף טעפּער אויף אַ מיטינג פון די לערער.

איז ווי געפעלן אייך עפּעס די „שטומע" ווילנער אידישע לערער?

און וואָלט מען געקאָנט אפילו חלום'ען פון אַזאַ זאַך ביים פריערדיגן רעזשים אין ליטע, אַז דער ליטווישער וויצע־מיניסטער פון בילדונג, אַ באַרימטער ליטווישער שריפטשטעלער (ליודאס גירא) זאָל אַרויסטרעטן אויף מיטינגען פון אידישע פאָלקס־מאַסן אין דער א י ד י ש ע ר שפּראַך? בלויז אונטער דער סאָוועטן־מאַכט האָבן זיך אין ליטע „צעקלונגען צום ערשטן מאָל" אויף אַזאַ מאַסשטאַב „די מונטערדיגע, פרייע טענער פון אונזער הארציגן מאמע־לשון". ניט נאָר האָבן פּאָלאָניזירטע אידן זיך אָנגעהויבן לערנען אידיש, נאָר אפילו ניט־אידן, ווי דער ליטווישער וויצע־מיניסטער פאַר בילדונג, ריידן אידיש!

„היינט — ראַדיאָ־איבערגעבונג אין אידיש דורכ'ן ווילנער ראַדיאָפאָן", לייענען מיר אין דער ווילנער פּרעסע. אפילו די ווילנער לופט האָט זיך צום ערשטן מאָל איצט צעקלונגען מיטן אידישן וואָרט און געזאַנג! און דאָס צוגעשיקטע בילד פון ווילנע פונ'ם הויפט פון סאָוועטישן לופט־פלאָט, גענעראַל־לייטענאַנט יעקב שמושקעוויטש מיט זיינע שניידער־עלטערן אין ראַקישעק, אַ שטעטל לעבן ווילנע, — האָט דאָך מער גערעדט פון גאַנצע ביכער.

איז ווי געפעלן אייך עפּעס די „שטומע" ווילנער אידן?

און ניט אומזיסט האָט זיך איצט אַזוי פּרעכטיג צעבליט די אידישע דיכטונג אין ווילנע! דער אידישער פּאָעט איז דערהויבן געוואָרן: „דער פּאָעט איז פון דער גאָרער שטאָט איצט העכער", פּראָקלאַמירט אין „ווילנער עמעס" דער ווילנער דיכטער א. סוצקעווער. מיר האָבן שוין אויך געזען, וויפיל קרעפטיגער און מעכטיגער עס קלינגען איצט די לידער פון חיים גראַדע און אַלע אַנדערע. און דאָס זעלבע האָבן מיר געזען אין די דער־

גענעראַל-לייטענאַנט יעקב שמושקעוויטש מיט זיינע עלטערן

ציילונגען און רעפּאָרטאַזש, אין די נייעס־באַריכטן, אַרטיקלען און בריוו פון ווילנע.

און ניט אומזיסט געפינען מיר אין „ווילנער עמעס" א באַמערקונג פון דער רעדאַקציע, אַז: „די פעלקער פון ליטע, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן פון שקלאַפּישן, פּריצ'יש־קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, האָבן אויפגעוואַכט צו שעפערישער אַרבעט. אויך אויפ'ן געביט פון ליטעראַטור מערקט זיך א געוואַלדיגער צושטראָם פון מענטשן, וואָס ווילן באַווייזן זייער שעפערישקייט. דורכגענומען מיט די גרויסע ענדערונגען, פול מיט התלהבות און ענטוזיאַזם — נעמען זיך מענטשן צו דער פען און ווילן אויסלאָדן זייער אינערלעכע שטים, זייערע איבערלעבונגען און שפּירונגען אין לידער, דערציילונגען און רעפּאָרטאַזש. די רעדאַקציע באַקומט איצט פיל מאַטעריאַלן פון אָנפאַנגער־שרייבער" א. אַז. וו., ווייל ווי עס זאָגט משה בראַדערזאָן: אַזויפיל ליד אין יעדן מענטשן־קול!

איז — ווי געפעלן אייך עפּעס די „שטומע" ווילנער אידן?

פעב. 19, 1941.

דער שיר־השירים פון באַפרייטן אידן

דער שיר־השירים פון דעם נייעם ווילנער אידן — אַזוי וואָלט איך באַצייכנט דאָס ליד „דער טיקטינער וועבער" פון ווילנער דיכטער חיים גראַדע.

יעדעס פאָלק און יעדער שרייבער האָט זיין שיר־השירים, זיין ליד פון אַלע לידער. אין אַזעלכע לידער זיינען פאַרקערפּערט די נשמה, די געשיכטע און פילאָזאָפיע פון א גאַנצן פאָלק, א דור, א קלאַס, א וועלט. אַזא ליד איז „דער טיקטינער וועבער", וואָס האָט געטראָפן ווי א באָמבע אין דעם לאַגער פון דער אידישער רעאַקציע.

אין דער אמת'ן איז אָבער געווען זייער נאַטירלעך צו דערוואַרטן אַזא ליד פון חיים גראַדע. קודם־כל איז גראַדע דער רייפסטער פון די „יונג־ווילנער" שרייבער. ער איז געווען, לויט ש. ניגער'ס באַצייכענונג, דער „עכט־אידישער" דיכטער, „טיף פאַרוואָרצלט אין דעם אַלט־ווילנער באָדן", וואָס „וויינט דעם געוויין פון דורות, וויינט און קלאָגט אויפ'ן גורל פון דער וועלט, אויף זיין אייגענעם גורל" — א סאָציאַלער, עטישער דיכטער.

וואָס זשע האָט איצט פּאַסירט? א קליינינקייט... די רויטע אַרמיי איז אַריין אין ווילנע. ליטע איז געוואָרן א סאָוועטישע, סאָציאַליסטישע מלוכה. גראַדע איז געבליבן (אָדער ערשט איצט געוואָרן אויף אַן אמת) עכט־אידיש און פאַרוואָרצלט אין דעם אַלט־ווילנער באָדן. ער איז אָבער איצט געוואָרן

סאָוועטיש, וואָס מיינט עכט־מענטשלעך, און זיך פאַרוואַרצלט אין דעם ניי־ווילנער באָדן, וואָס איז שוין אידיש־סאָציאַליסטיש, נאַציאָנאַל־אינטערנאַציאָנאַליסטיש. און ניט נאָר פאַרקערפּערט ער איצט דעם געוויין פון דורות, פאַרגאַנגענע, אונטער פעאָדאַליזם, אונטער קאַפּיטאַליזם, אונטער געטאָ־רעזשימען, נאָר ער פּרואווט שוין איצט פאַרקערפּערן „דעם געזאַנג פון דורות", איצטיגע און צוקונפטיגע, זיין פרייד און געזאַנג איבער זיין אייגענעם גורל, ווי פון זיין זון און אייניקל, אין דער נייער סאָציאַליסטישער וועלט. נייע פויגל, נייע קלאַנגען, נייע ציימן — נייע לידער.

„דער טיקטינער וועבער" איז דער שיר־השירים ניט נאָר פון דעם נייעם ווילנער אידן, נאָר אויך פון דעם נייעם ביאַליסטאָקער, גראָדנער, בריסקער, דווינסקער, ריגער, לעמבערגער, כאָטינער און באַראַנאָוויטשער אידן, פון אַלע אידן אין די באַפרייטע נייע סאָוועטישע געגנטן, פון אַלע אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי פון אַלע פּראָגרעסיווע און האָרעפּאַשנע אידן אין דער גאָרער וועלט. פּונקט אַזוי איז „דער טיקטינער וועבער" אַ פאַרקערפּערונג פון'ם לעבן ניט נאָר פון אַ ל ע טיקטינער וועבער, נאָר אויך פון די לאָדזער וועבער, פּעטערסאָנער און מאַנטשעסטער וועבער, ווי פון יעדן אידישן שניידער, שוסטער און אַנדער האָרעפּאַשניק.

איר ק ר ע כ צ ע ט אויפ'ן חורבן פון דער עדה
בלוט־זויגער, כלי־קודש, מעקלער און הורטאָווניקעס, —

אַזוי הויבט אָן חיים גראַדע זיין ליד פון אַלע לידער. ווער זיינען די „איר"? די אַלע, וואָס קלאָגן אויפ'ן חורבן פון דער ווילנער עדה, נאָכדעם ווי ליטע איז געוואָרן סאָוועטיש און סאָציאַליסטיש. גראַדע זאָגט ניט „איר קרעכצט, נאָר מיט איראָניע: „איר ק ר ע כ צ ע ט"; קראָקאָדיל־טרערן פאַרגיסן זיי אויפ'ן חורבן פון דער עדה בלוט־זויגער, עקספּלואַטאַטאָרס, פּאַראַזיטן, כלי־קודש (כאָטש ער מיינט זיכער ניט די אויפריכטיגע רעליגיעזע פּערזענלעכקייטן. מיר האָבן געזען, אַז דער ווילנער רב רובינשטיין, למשל, איז געווען מער ערלעך און מער אָביעקטיוו אין זיין באַריכט פון ווילנע, ווי די זאָגענאַנטע סאָציאַליסטישע און „אומפּאַרטייאישע" פּירער), די מעקלערס און הורטאָווניקעס — סיי בוכשטעבלעך, סיי פיגוראַטיוו גערעדט — און... סקעבס, רענעגאַטן, אַזעוס, וואָן־דער־ליובעס, דאַיעז־מענטשן, בלאָפערס, פאַלשע נביאים, משיחים און למד־וואָוו'ניקעס.

אַ טליתים־וועבער איז געווען מיין זיידע,
אַ שווייגער — האָט מען אים פאַררעכנט פון די למד־וואָוו־ניקעס.
יאָ, ער האָט געשוויגן... זיין פּראָטעסט
האָט ער פאַרוועבט אין זילבער־שטיקער זייד און וואָל,
און ברייטע באַלעבאַטים, יונגעלייט אויף קעסט,
אין גילדערנע עטרות האָבן זיך געזדבקה'ט אויפן קול
און ניט דערהערט דעם וויי־געשריי
פון שטאָף פאַרוועבט מיט פּסוקים פרומע, —

וואָלט עמיצער דערפילט פון זיי
דעם האַס — אַ שווידער וואָלט אים דורכגענומען,
אַ גליק נאָך, וואָס דעם גביר האָט ניט געפּאַנגען
דער געיאָמער, דער פאַרוואָרגענער, —
וואָלט ער די געהיימע פעדים נאָכגעגאַנגען,
דערזען וואָלט ער מיין זיידן אַ פאַרבאַרגענעם
אין הינטער־טיש, אַ פינצטערן אין קלעם.
די אויגן צוגעדריקט מיט פינגער בלאַסע,
דאָס האָט ער ניט געידבקהיט זיך בײַם שם,
מיט אַ דורכגעטרערטער שטים אַ ווייכער, —
מיין זיידע האָט געשאָלטן... וואָלט דער גביר דערזען אים דעמאָלט,
וואָלט דאָס פּעטס אין זיינע אָקסן־אויגן אויפגעפלעמלט,
געשריען וואָלט ער, אַז מיין זיידן פעלט אמונה,
און באַפוילן די שמשים אים פאַרשמידן
אין דער קונע,
עס זאָלן אים באַשפייען פרומע אידן...

וויפיל קינסטלערישע קראַפט, איראָניע און מעסער־שאַרפן סאַרקאַזם איר געפינט דאָ אין די געבראַכטע שורות געגן די „פרומע" נגיד'ישע משרתים, געגן די „ברייטע באַלעבאַטים" און געגן „מיט'ן פּעטס אין זיינע אָקסן־אויגן, ווי אינ'ם בילד פון זיידן. גראַדע האָט דאָ געשילדערט אין פּרעכ־טיגע קינסטלערישע בילדער דאָס טראַגישע לעבן פון הונדערטער טויזנטער אידישע זיידעס...

דער ווילנער דיכטער האָט דאָ געלאָזט הערן דעם אמת'ן „געוויין פון דורות", פאַרשקלאַפטע ביי בלוט־זויגערישע גבירים. אָבער אין דער זעלביגער צייט האָט חיים גראַדע דאָ דורכגעפירט אַ קינסטלערישע זעלבסט־קריטיק. ער האָט זיך אָפּגעוואָרפן פון די לייוויקיסטישע און מיסטישע איינ־פלוסן און צעשטערט און אויפגעריסן די רעאַקציאָנערע לעגענדעס פון די שוויינגנדיגע, הכנעה'דיגע, פאַר'גולמ'טע, פאַרלייוויקטע „שאַפּ"־אידן, למד־וואָוו און עקידה־אידן. די בילדער פון גראַדע'ס זיידע דערמאָנען אָן בער־געלסאָנ'ס „דער טויבער". די האַרעפּאַשנע זיידעס, די אידישע עקספּלו־אַטירטע מאַסן פון יענער צייט, האָבן אויף זייער אופן שאַרף פּראָטעסטירט, שטאַרק געהאַסט די „ברייטע באַלעבאַטים", וויי־געשריען און געשאָלטן... כאָטש זיי זיינען, פאַרשטייט זיך, דעמאָלט ניט געווען און ניט געקענט זיין אַזוי אַרטיקולירט און קלאַסן־באַוואוסט ווי מאָדערנע פּראָלעטאַריער.

די קונע אין דער שול דער אַלטער מיט'ן קאַרצער;
איבער דעם געמויערטן אַריינגאַנג שטייט ער
אָט דער קאַמער, אַ פאַרגראַטעוועטער, שוואַרצער,
מען פלעגט צו אים אַרויפגיין אויף אַ לייטער, —
ס'איז אונזער לעצטער אָנדענק פון ממשלה,

דאָ פלעגט מען אַריינזעצן די צוימען־ברעכער — אידן
פון ראַיגראַד, ביאַליסטאָק און סאָקאָלע,
ווען די תקיפים האָבן באַלעבאַטעוועט אויף די יאַרידן. —
אַ שאָד, וואָס מען האָט דעם תפיסה־לייטער צוגענומען,
איז צום אָנדענק איצט ניט צוצוקומען.
און אָט דער תפיסה־לייטער הייסט דאָך —
המשך...
דער סוד פון אונזער אייביגקייט; איר ווייסט דאָך —
המשך...

וואָס פאַר אַ רייך, פאַרביג, אַלזייטיג בילד פון דעם אידישן לעבן און לעבנס־שטייגער אין 19טן יאָרהונדערט איר האָט דאָ אַריינגעפּאַסט אין געציילטע שורות, מיט אַלע סאָציאַלע גראַנגלען און אידעאָלאָגישע קאָנפליקטן! וואָס פאַר אַ גלענצנדיגע, סקולפּטאָרישע, קאַרטון־אַרטיגע סאַטירע אויף „קהל", אויף „די תקיפים", די בעל־טאַקסעס, שינדערס, פּיאַווקינס, סענדער בלאַנקס, וואָס זיינען געשילדערט געוואָרן אויספירלעך אין די געניאַלע ווערק פון אונזערע קלאַסיקער.

די קונע אין דער ווילנער אַלטער שול — וואַקסט אויס ביי גראַדע'ן אין אַ נאַציאָנאַלן סימבאָל פון אידישן געטאָ־רעזשים, „אונזער לעצטער אָנדענק פון ממשלה", פון צוואַנג און גוואַלטמאַכט. „די תקיפים האָבן באַלעבאַטעוועט אויף די יאַרידן" — און אומעטום. זיי האָבן די אידישע צוימען־ברעכער, די דעמאָלטיגע אידישע רעוואָלוציאָנערן, געשליידערט אין דער קונע מיט'ן קאַרצער, ווי דאָס האָבן געטאָן די רוסישע זעלבסטהערשערישע צאַרן.

און — איר ווייסט דאָך — המשך... פון אַלע וואָלקנקראַצערדיגע דעבער קרייעט מען — המשך... פאַראַן אַ ספּעציעלער זשורנאַל אין אַמעריקע — „המשך"... המשך איבער אַלעס.

אָבער פאַראַן המשך און פאַראַן המשך. המשך צו פאַרזעצונג איז, ווייזט אויס, אויך ניט גלייך. ביי די „המשך"־אידן איז דער תפיסה־לייטער צו דער קונע גאָר „דער סוד פון אונזער אייביגקייט". זיי בענקען נאָך די קונע־טראַדיציעס, נאָך דער ממשלה פון די אידישע תקיפים, נאָך דער געטאָ, נאָכ'ן מיטל־אַלטער, נאָכ'ן רעאַקציאָנערסטן אין אידישן לעבן. זיי ווילן פאַרזעצן צו קלע־טערן אויפ'ן עקספּלואַטאַציע־„לייטער", און — אויב נישט נאָך העכער...

חיים גראַדע איז אָבער פאַר גאָר אַן אַנדער סאָרט המשך — פאַר פאַר־זעצן די פּראָגרעסיווע, רעוואָלוציאָנערע און פרייהייטלעכע טראַדיציעס פון דעם אידישן לעבן; פאַרזעצן די טראַדיציעס פון די צוימען־ברעכער־אידן, פון די בר־כוכבא'ס, מאַקאַבייער, פון די ווילנער הירש לעקערטס, יוליסעס, און ניט פון די ווילנער „תקיפים" און קונע אָדער קונע־לעמל אידן...

איצט איז אַ דאַנק דער רויטער אַרמיי דער קונע־המשך... איבערגעריסן געוואָרן אין ווילנע:

איצט פּוסטעוועט די תפיסה און עס ראָסט די גראַטע,

ניטאָ דער למד־וואָווניק, מיין זיידע — און מיין טאַטע,
וואָס האָט געהונגערט ביי דעם זון פון באַלעבאָס,
פאַר וועמען סיהאָט געהאָרעוועט מיין זיידע —
איז אויך באַוואָקסן שוין מיט גראָז,
זיי רוען אָפּ איצט ביידע...
איך בין געווען אַ יאָר צען ניט מער,
ווען מיין טאַטע האָט זיין ליד ביים וועב־שטול אָפּגעזונגען. —
איך זע נאָך איצט אויף די פאַרזויפּטע פּנימער
דאָס בלוט פון זיינע לונגען...

דער טאַטע ווי דער זיידע זיינען געבליבן וועבער־אַרבעטער, ווי דער זון פון דעם זיידנ׳ס באַלעבאָס געבליבן איז אַ וועבער־באַלעבאָס. און דאָס זעלביגע האָט פּאַסירט מיט די אייניקלעך. ס׳איז פאַרגעזעצט געוואָרן די קלאַסן־צעטיילונג. בלויז נאָכ׳ן טויט,—זאָגט גראָדע מיט ווייטאָגדיקן סאַר־קאַזם,—האָבן דער זיידע און טאַטע געפונען רו—„זיי רוען אָפּ איצט ביידע״...

די בילדער פון זיין וועבער־זיידע, דאָס בילד פון בלוט פון טאַטנ׳ס לונגען, וואָס ער זעט נאָך איצט אויף די „פאַרזויפטע פּנימ׳ער״ פון די באַ־לעבאַטים, זיינען אין איינקלאַנג מיט די טראַדיציאָנעלע שטייגער־בילדער פון דער אידישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור, ווי פון דער וועלט־ליטעראַטור. זיי דערמאָנען אייך אָן די לעבעדיגע, אונז אָבער באַקאַנטע פעטערסאָנער וועבער, ווי אָן גערהאַרד האופּטמאַנ׳ס „וועבער״, צי טהאָמאַס הוד׳ס „ליד פונ׳ם העמד״, י. ל. פּרצ׳עס „נייטערינס״, צי אין גאָרקי׳ס פּראַכטפול־געשיל־דערטן בעקער־באָס סעמיאָנאָוו מיט׳ן „פאַרזויפטן פּנים״, וואָס איזדיעקעוועט זיך איבער׳ן בלוט־שפּייענדיגן בעקער־אַרבעטער (מען קאָן אים זען אין דער סאָוועטישער פילם פון מאַקסים גאָרקי׳ס „מיינע אוניווערזיטעטן״).

געהונגערט האָט דער אייניקל, דער זיידע און דער טאַטע,
דאָס לעבן איז געווען אַ סעודה פאַר די רייכע שטיבער, —
איז דען אַ הונגעריג קינד מיט קינדער זאַטע
פון איין ציבור ? . . .
איך האָב געמיינט, אַז יאָ, —
ווייזט אויס, איך האָב געליטן נאָך צו ווייניג, —
עס וועלן קיינמאָל, ווי די אָרימע, ניט בלוטן —
די וואָס זיינען רייך.
אַזוי האָב איך געשטיקט זיך אין מיין האַס געהיים,
אַליין — קנעכט ביי זיין אייגן בלוט און פלייש — מיין זיידע,
אַ לוין־קנעכט איז געווען מיין טאַטע אין זיין היים
און מיין זון וואָלט אויך פאַרהונגערט ביי זיין עדה — —

אין די געבראַכטע שורות האָט חיים גראָדע אַריינגעפּרעסט גאַנצע ביכער פון די מאַרקסיסטישע טעאָרעטיקער. גראָדע שילדערט אונז דורך שאַרפע בילדער די קלאַסן־צעטיילונג, און די סאָציאַל־עקאָנאָמישע שטייגער־קאָנ־

טראסטן: סעודות אין די רייכע שטיבער — הונגער אין די אָרימע קעלער־דירות. הונגעריגע קינדער ביי די אָרימע — זאַטע קינדער ביי די רייכע. און דאָך איז ער מודה, אַז ער האָט נאָך געהאַט „איין ציבור"־סענ־טימענטן און אילוזיעס, ווייל, איראָניזירט ער, ווייזט אויס, „איך האָב געליטן נאָך צו ווייניג" ביז ער האָט דערפילט, אַז מען קען זיין אַ קנעכט ביי אייגן בלוט און פלייש, ביי עקספּלואַטאַטאָרס פון אייגענעם פאָלק.

„עס וועלן קיינמאָל, ווי די אָרימע, ניט בלוטן — די, וואָס זיינען רייך".
אַט דעם אמת האָט ער קלאָר דערזען ערשט דעמאָלט, ווען:
גענקומען איז דער רויט־אַרמייער־שטורעם און פאַריאָגט דעם נעפּל,
ברידער האָבן אָפּגעפונען זיך — קאַלמיקן;
זיי האָבן אונז באַפרייט פון די, וואָס האָבן פרום געפּרעפּלט
און פרום געוואָלט דערשטיקן.

דער רויט־אַרמייער־שטורעם האָט ביי חיים גראַדע'ן פאַריאָגט די אידע־אָלאָגישע אילוזיעס און מיסטישן „נעפּל". ער האָט אויסגעפונען, אַז די רויטאַרמייאישע „קאַלמיקן" זיינען אים געוואָרן אמת'ערע ברידער, ווי די, וואָס האָבן „פרום געפּרעפּלט" וועגן „המשך", גולם, למד־וואָוו צדיקים און משיחים און אין דער ווירקלעכקייט „פרום געוואָלט דערשטיקן". ער האָט אויסגעפונען, ווי דאָס האָט אויסגעדריקט משה בראָדערזאָן, אַז דער רויטאַרמייער איז „אַ מיטברודער צו גוטסקייט אויפגעצויגן".

דאָס איז אָבער אויך אַן ענטפער דער אידישער רעאַקציאָנערער שקר־פּרעסע אין אַמעריקע, וואָס האָט פאַרגעשטעלט די רויטאַרמייער־קאַלמיקן, וועלכע זיינען געווען צווישן דעם סאָוועטישן מיליטער אין ווילנע, ווי אַ ספּעציעלע שרעקלעכע אָנשיקעניש פון סטאַלין'ען אויף די ווילנער אידן... חיים גראַדע פאַרענדיגט דעם „טיקטינער וועבער" מיט די פאָלגנדיגע באַ־דייטונגספולע שורות:

איך לעב ניט אין דער שפּראַך פון די כערסאָנער פויערים,
דאָך איז מיר אייגן זייער שמייכל און געמיט,
און טרעף איך אַן אַ רוס — דערציילן מיינע אויגן פון מיין טרויער אים
און זיינע בליקן ענטפערן אַ האַרעפּאַשנעם איד.

דערמיט דריקט ער אויס זיין באַפרייען זיך אויך פון נאַציאָנאַליסטישן טשאַד און נעפּל. ער האָט אויסגעפונען, אַז שפּראַך איז ניט קיין זעלבסט־צוועק: דער מענטש אפילו פון אַן אַנדער שפּראַך, אָבער פון אַ האָרע־פּאַשנעם שיכט, קאָן אים זיין מער „אייגן", מער ברודער, ווי דער אידישער תקיף, קולאַק און רעאַקציאָנער, וועלכער רעדט אידיש; אַז אַ רוסישער סאָוועטישער פויער קאָן זיין מער ברודער צום האָרעפּאַשנעם איד, ווי אַ אידישער בלויט־זויגער און —סקעב. ער האָט אויסגעפונען, אַז ניט ברו־דערשאַפט פון בלוט איז דער עיקר, נאָר די „ברודערשאַפט אין טאַט", ווי פּאָול ראָבסאָן, דער באַרימטער נעגער־זינגער, האָט זיך ניט לאַנג צוריק אויסגעדריקט וועגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן.

חיים גראַדע האָט אונז באַוויזן, אַז אַן עכטער איד איז אַן עכטער אינטערנאַציאָנאַליסט. און דאָס איז דער שיר־השירים פון דעם נייעם ווילנער אידן, ווי פון יעדן פּראָגרעסיוון אידן אין גאַר דער וועלט.

מען וואָלט זיך נאָך געדאַרפט געננוי אָפּשטעלן אויף די אינטערעסאַנטע קינסטלערישע מיטלען, וואָס חיים גראַדע באַנוצט אין דעם ליד, ווי די פרישע און אָריגינעלע גראַמען, איראָניע, סאַרקאַזם, הומאָר, סאַטירע, ווידערהאָלונגען, קאָנטראַסטירונגען, אימאַזשן, מעטאַפאָרן, שטייגערישע און דערציילערישע עלעמענטן, פאַרשיידענע ריטמען, פּאַטאָס, לײַדנשאַפט, פּערז־געבוי און אַלע אַנדערע רעטאָרישע פיגורן און פּאָעטישע קאָמפּאָנענטן. מיר וועלן דאָס טאָן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט.

מערץ 16, 1941.

חיים גראַדע טוט זיי אָפּ אויף סאָוועטיש

מייז, פון די פינצטערע לעכער אַרויס,
ווילט איר משפּטין די נאַכטיגאַל
פאַר איר מאָרגן־ליד,
פאַר איר פרילינג־ליד,
פאַרין העכסטן ליבעס־ליד ? !
שוואַרצע, פינצטערע וואָלקן־שטיקער,
ציטערט איר פאַרין מאָרגן־שטראַל ?
(י. ל. פּרץ)

מען האַלט איצט ביי דער סדרה „משפּטים" אויף איסט־בראָדוועי. די מייז פון דער אידישער פּרעסע האָבן זיך צעלייוויקט, געוואָרן היס־טעריש־וואָקבאַנאַליש, זיינען פון די פינצטערע לעכער אַרויס, און „משפּט'ן". זיי משפּט'ן ב. צ. גאָלדבערג'ן און די אַנדערע געפעדערלעכע און שרעקלעכע „סטאַליניסטן" און „גע־פּע־או'ניקעס". זיי „משפּט'ן" דעם פּראָפעסאָר מאָריס קאָהען, ד"ר. חיים זשיטלאָווסקי'ן, בן־אדיר'ן, נח פּריי־לוצקי'ן, דעם „איקוף, דעם א. א. אָרדן, דעם „איקאָר", דעם פּאָלקס־קאָמיטעט, דעם סי־אי־אָ, די ניוספּעיפּער גילד, די „מאָרגן־פרייהייט", די קאָמוניסטן, דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי „משפּט'ן" יעדן „געלינקטן", וואָס זאָגט כאָטש איין גוט וואָרט וועגן בירא־בידזשאַן, וואָס וואָגט אפילו „קוקן לינקס", וואָס האָט נאָר אַ פונק פון פּראָגרעס אין זיך. זיי „משפּט'ן" דעריבער חיים גראַדע'ן פאַר זיין מאָרגן־ליד, פאַר זיין פרילינג־ליד, פאַר זיין העכסטן ליבעס־ליד — „דער טיקטינער וועבער" — און

א. סוצקעווער׳ן, און לאה רודניצקי, אלע אנדערע שרייבער און דיכטער פון די באפרייטע געגנטן, ווי משה בראדערזאן, בינעם העלער, י. עמיאט, שלום זשירמאן, אפרים קאגאנאווסקי, אלטער קאציזנע — אלע סאוועטישע שרייבער.

אין דער „מארגן־פרייהייט" זיינען שוין געדרוקט געווארן א סך לידער און דערציילונגען פון די ווילנער און פון אלע אנדערע דיכטער פון די באפרייטע געגנטן. מיר האבן געזען וויפיל מער קראפט עס פארמאגן איצט זייערע לידער. אפילו די בריוו־שרייבער זיינען פול מיט פאעזיע, האבן מיר געזען: „אזוי פיל ליד אין יעדן מענטשן־קול". אפילו די ווילנער לופט־כוואליעס זיינען פון מיט געזאנג: ד י פ א ב ר י ק ן־ה ע ל ז ע ר, ו ו א ס ז י י נ ע ן ל א נ ג ע י א ר ן ש ט ו ם ג ע ו ו ע ן, ה א ב ן ז י ך א י צ ט צ ע ז ו נ ג ע ן...

אבער דעם גרעסטן רושם האבן געמאכט די דריי פאעמעס פון — דעם דיכטער פון אלע דיכטער — חיים גראדע: „די באלאדע פון דער אנטלאפענער שטאט", „א מעשה מיט פינף ברידער" און — דאס ליד פון אלע לידער — „דער טיקטינער וועבער". די לעצטע פאעמע האט געטראפן די „משפט׳ער" אין סאמע פינטל אריין.

„דער טיקטינער וועבער" האט געפלאצט ווי א באמבע אין דעם לאגער פון די וואס העצן צו פאגראמען אויף אידישע קאמוניסטן.

און באזונדערס ווילד האט זיך צעגלאטשטיינט דער „וואגשאל"־„הורטאוווניק". „אויף דער וואגשאל" האט ער ארויפגעלייגט חיים גראדע׳ן און אלע סאוועטישע דיכטער און זיי פאראורטיילט ווי „אפ־טריניגע", „אוממאראלישע", „בוגדים", „פאררעטער", רענעגאטן" און אז. וו. און דערביי האט ער, ווי י. ל. פרצ׳עס „פרומע קאץ", געשאטן מיט לייוויק־רייד וועגן „עטיש־מאראלישע באגריפןביים מענטשן".

און ניט אומזיסט האבן זיי זיך אזוי צעגלאנציגט און צעדאנציסט, צעיאכמערט און צעיושעט. חיים גראדע האט זיי געטראפן אין דער זיבע־טער ריפ, ארונטערגעריסן פון זיי אלע מאסקעס און ארויסגעשטעלט אדם־נאקעט! איז ווי זאל זיי דאס ניט פארדריסן? און מער פון אלץ פאר־דריסט זיי דער פאקט, וואס דאס קומט פון חיים גראדע׳ן, צי פון א. סוצקעווער׳ן און פון ענלעכע. סטייטש, „זיי" האבן דאך אליין פריער געלויבט אט די דיכטער ביז׳ן הימל אריין!

און מער פון אלץ טוט זיי ווייי, וואס זיי קענען ניט פארלייקענען יענע גוואלדיגע דיכטערישע טאלאנטן, און וואס די נייע לידער פון יענע דיכטער זיינען איצט נאך רייפער, קרעפטיגער און פרעכטיגער, ווי ווען עס איז. ערשט מיט עטלעכע יאר צוריק האט ש. ניגער אליין געשריבן:

„ווילנע האב ליב ארגאניזאציע, ווילנע איז געוואוינט צו מאכן קא־לעקטיווע ארויסטרעטונגען. זיינען אפילו אירע פאעטן — א קאלעקטיוו: „יונג־ווילנע".

און דאך שרייבט ניגער ווייטער:

„יעדער ,יונג־ווילנער׳ איז יונג אויף זיין אופן און אויף זיין איי־גענעם אופן פּאָעטיש... ווי טיף איז דער אונטערשייד צווישן חיים גראַדע („יאָ", לידער, ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין, 1936) און א. סוצקעווער („לידער", ביבליאָטעק פון אידישן „פּען־קלוב", וואַר־שע, 1937). חיים גראַדע׳ס יונג־ווילנע איז טיף פאַרוואָרצלט אין דעם אַלט־ווילנער באַדן... אַנדערש איז א. סוצקעווער: ער זינגט זיין אייגענעם געזאַנג... בעת חיים גראַדע וויינט דעם ג ע וו י י ן פ ו ן ד ו ר ו ת, וויינט און קלאָגט אויף דעם גורל פון דער וועלט, אויף זיין אייגענעם גורל, איז א. סוצקעווער פול מיט דער מוזיק און מיט דער מאַלעריי פון דער וועלט".

אינ׳ם זעלביגן אַרטיקל וועגן א. סוצקעווער האָט ש. ניגער באַצייכנט חיים גראַדע׳ן אַלס „עכט־אידישן" דיכטער און א. סוצקעווער׳ן — „העלע־נישן". און האָט פאַרענדיגט דעם אַרטיקל מיט די ווערטער: „דאָס, וואָס שפּראָצט און בליט אַזוי שיין אין סוצקעווער׳ס לידער, וועט געבן פרוכט". יאָ, זייער פיינע פרוכט, כאָטש ש. ניגער האָט ניט געמאַכט, לויט מיין מיי־נונג די געהעריגע אויספירן פון א. סוצקעווער׳ס נאַטור־ראָמאַנטיק. ס׳איז ניט ריכטיג, אַז ער איז בלומרשט פאַרטאָן אין פאָרם און קלאַנג, ער איז בלויז עסטעטיקער, אָבער ניט קיין סאָציאַלער אָדער עטישער דיכטער. סוצקעווער איז אין דער אמת׳ן ביידע זאַכן, ווי יעדער דיכטער. מען קאָן אַזוי ניט אָפּרייסן פאָרם פון אינהאַלט. חיים גראַדע איז אויך פול מיט דער מוזיק און מיט דער מאַלעריי פון דער וועלט, ניט געקוקט אויף זיין עטישקייט און סאָ־ציאַלקייט. אַנישט וואָלט ער קיין דיכטער ניט געווען, און אודאי ניט געקאָנט זיין אַזאַ גרויסער אויב ניט דער גרעסטער אידישער דיכטער פּאָטענציעל. דער ענין פאָדערט אָבער אַ ברייטערע באַהאַנדלונג. פון ש. ניגער׳ס שרייבן איז אָבער קלאָר זיין הויכע אָפּשאַצונג פון חיים גראַדע און אַלע „יונג־ווילנער".

חיים גראַדע איז געווען דער שטאָלץ פון דער נייער אידישער ליטע־ראַטור, דאָס שיינדל פון „יונג־ווילנע". ער איז פון ש. ניגער׳ן אָנגערופן געוואָרן „עכט־אידישער" דיכטער, וואָס „זינגט דעם דור־דורות׳דיגן אידישן געזאַנג". לאָמיר דאָס פאַרגעדענקען.

וואָס ש. ניגער טראַכט וועגן חיים גראַדע׳ס איצטיגע געזאַנגען, ווי „דער טיקטינער וועבער", איז אונז ניט באַקאַנט. אָבער דערפאַר האָבן מיר געלייענט, וואָס עס טראַכט וועגן אים א. אויערבאַך. אָט דער „פרום פרעפלענדיגער" איד האָט זיך צעגרימצאָרנט, ניט געקאָנט פאַרשווייגן גראַדע׳ס ליד. אָבער צו מאַכן אַ פראָנט־אַטאַקע, צו באַווייזן, צום ביי־שפּיל, אַז „דער טיקטינער וועבער" איז קינסטלעריש שוואַך, האָט מען ניט געקאָנט — קיינער קאָן ניט באַווייזן אַזאַ קונץ. האָט אויערבאַך, ווי זיין שטייגער איז געווען בנוגע אַלע סאָוועטישע און פּראָלעטאַרישע דיכטער,

געפּרואווט נעבעך כּאָטש „אַטאַקירן” פון די פלאַנגען, האָט געפּרואווט די פּאָעמע צעקלאַפּן מיט פלאַכע חכמה'לעך, מיט פּלפּול'דיגע קלאָץ־קשיות. ער האָט עס נאָך צוגעזאַלצן מיט זידלערייען און תוכחה־קללות, אויף וואָס די אַמעריקאַנישע רעאַקציאָנערע אידישע דיכטער ספּעציאַליזירן זיך לעצטנס. צוויי מאָל באַהאַנדלט ער „אויף דער וואָגשאָל” אין דעם „מ. זש.” דעם ענין חיים גראַדע.

דעם ערשטן מאָל זאָגט ער:

„אַזאַ באַציל איז דאָ אין דער סאָוועטישער לופט, וואָס פאַר'סמ'ט אין איין הרף־עין די עטיש־מאָראַלישע באַגריפן ביים מענטשן, באַזונדערס ביים אידישן פּאָעט. ווי נאָר אַ אידישער פּאָעט גיט אַ שמעק די סאָוועטישע לופט, אַזוי ווערט ער, נישט פאַר קיין אידן גערדאַכט, אַ רענעגאַט און שפּיט אין פּנים אַריין אפילו דעם אייגענעם טאַטן און זיידן”. פון וואַנען אויערבאַך דרינגט עס, דערקלערט ער ווייטער, אַזוי צו זאָגן: „געווען אין ווילנע אַ אידישער פּאָעט, חיים גראַדע, מיט סמיכות אויף רבנות, מיט געזאַנג צו „מוסר'ניקעס”, מיט „געוויין פון דורות”. איצט איז דער דאָזיגער פּאָעט אין סאָוועט־רוסלאַנד און אָטעמט די סאָוועטישע לופט, מיט'ן דערמאָנטן באַציל. וואָס־זשע איז געשען מיט חיים גראַדע'ן?”

פרעגט שוין גאָר נישט! „אין 1936, — גיט איבער א. אויערבאַך, — האָט גראַדע'ס זיידע געזאָגט צום אייניקל זיינעם, דעם פּאָעט: אייניקל, אַ איד דאַרף קענען גיין צו דער עקדה, קענען גיין און שווייגן... און אין 1940 איז שוין דער אייגענער זיידע אַ וועבער, וואָס: . . . זיין פּראָטעסט האָט ער פאַרוועבט אין זילבער־שטיקער זייד און וואָל... און קעגן וועמען, מיינט איר, איז געווען דער „פּראָטעסט”? קעגן — בלוט־זויגער, כלי־קודש, מעקלער און הורטאָווניקעס...” עד־כאן א. אויערבאַך.

קודם־כל מאַכט ער דעם אָנשטעל, אַז ער האָט דאָ געפּאַקט גראַדע'ן ביי מי יודע וואָס פאַר אַ פאַרברעכן. אָבער דאָ איז דאָך אפילו ניט פאַראַן קיין שום לאָגישער ווערטער־ווידערשפּרוך. חיים גראַדע האָט פאַר די ווערטער „זיין פּראָטעסט” געזאָגט אָט וואָס: „איר קרעכצעט אויפ'ן חורבן פון דער עדה בלוט־זויגער, כלי־קודש, מעקלער און הורטאָווניקעס, — אַ טליתים־וועבער איז געווען מיין זיידע, אַ שווייגער — האָט מען אים פאַררעכנט פון די למד־וואָוו'ניקעס, יאָ, ער האָט געשוויגן... זיין פּראָטעסט האָט ער פאַרוועבט אין זילבער־שטיקער זייד און וואָל”, א. אַז. וו., אַ. אַז. וו. חיים גראַדע זאָגט דאָך אַליין מיט אַזוי פיל סאַרקאַזם: „י אָ, ע ר ה אָ ט ג ע ש ו ו י ג ן . . .” נאָר דאָך האָט עס ניט געמיינט, אַז דער זיידע האָט ניט פּראָטעסטירט — „זיין פּראָטעסט האָט ער פאַרוועבט אין די זילבער־שטיקער זייד און וואָל”, א. אַז. וו. טאָ וואָס איז דאָ ניט ריכטיג? וואו איז דאָ דער ווידערשפּרוך?

מיט אַן ענלעכן האָקוס־פּאָקוס פּרואווט אויערבאַך אויס'פּשט'לען אַ ווידערשפּרוך אין גראַדע'ס ווערטער וועגן טאַטן. נאָר צו וואָס פּטר'ן

אזוי פיל ענערגיע? אפילו ווען געוויסע אויטאָביאָגראַפישע פאַקטן זאָלן ניט שטימען, וואָלט דאָך עס אויך ניט געענדערט אויפ'ן מינדסטן אופן דעם גרויסן ווערט און באַטייט פון דער פּאָעמע, איינע פון די בעסטע אין דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור. אין בעסטן פאַל איז עס בלויז געד־טשעפּעט זיך, געדראַפּעט אויף גלייכע ווענט. היינט דאָס אַרויסגעקוועטשטע חכמה'לע מיט'ן באַציל אין דער סאָוועטישער לופט איז דאָך גאָר אַ צאַצקע! איר האָט דאָ אַ סטאַנדאַרד און מוסטער פון דער באַציל־קריטיק. (אגב האָט אפילו דער „פאָרווערטס"־בלעם ש. מאַלדאַוור געשריבן, אַז די אידישע קאָמוניסטן אין ווילנע האַלטן זייער שטאַרק פון „כיבוד־אב". איז ווי קלעפּט זיך עס מיט „שפּייען דעם אייגענעם טאַטן", א. אז. וו.?).

אין אַן אַנדער אָנפאַל אויף חיים גראַדע'ן האָט אויערבאַך געמאַכט די בייזוויליגע אָנצוהערעניש, אַז די אידישע שרייבער אונטער'ן סאָוועטישן רעזשים גייען דורך שבעה מדורי גיהנום און דערפאַר, כלומרשט, האָבן איצט אַזוי פיל אידישע שרייבער „זייער וואָרט געשטעלט אין דינסט פון דער מאַכט". ניט נאָר אַ שרייבער, נאָר יעדער בר־דעת ווייסט, אַז מען קאָן מיט גוואַלד ניט צווינגען קיין דיכטער צו זינגען און זיין באַ־גייסטערט. אין פּאָעזיע, מער ווי אין יעדער אַנדער זאַך, דערפילט איר באַלד דעם מינדסטן פאַלשן טאָן, די מינדסטע אומערלעכקייט און ניט־אויפריכטיגקייט. און בלויז אַ באַוואוסטזיניגער העצער קאָן אינסינואירן וועגן דער עכטקייט פון חיים גראַדע'ס „דער טיקטינער וועבער".

די אינסינואַציע איז דער עיקר באַהאַלטן אין דער באַהויפּטונג, אַז חיים גראַדע איז איצט כלומרשט געוואָרן גאָר אַן אַנדערער, געוואָרן, הייסט עס ביי אויערבאַכ'ן, אַ בוגד און פאַרראַטן זיך אַליין און דאָס וואָס איז געווען תמיד הייליג. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ שענדלעכער ליגן. חיים גראַדע איז אַלעמאָל געווען פּראָגרעסיוו, נאָענט צו די אידישע מאַסן, אַלע־מאָל פיינט געהאַט די בלוט־זויגערישע שינדערס און פּיאַווקינס. דער „נאַציאָנאַליסטישער ראַדיקאַליזם" אין דער פריערדיגער ווילנע האָט אים בלויז אַמאָל פאַרנעפּלט. זאָגט דעריבער חיים גראַדע, אַז

„געקומען איז דער רויט־אַרמייער שטורעם און פאַריאָגט דעם נעפּל".

די רויטע אַרמיי האָט אויך באַפרייט די ווילנער לופט פון אַזעלכע קרעכצער „אויפ'ן חורבן פון דער עדה" און „פרום־פאַרעפּלענדיגע" באַצילן, ווי א. אויערבאַך למשל:

„זיי האָבן אונז באַפרייט פון די וואָס האָבן פרום געפּרעפּלט און פרום געוואָלט דערשטיקן".

אַ בריוועלע דעם ברודער*)

אופאַ, 9טער סעפּטעמבער, 1940.

טייערער ברודער יהושע!

דיך וועט זיכער זייער פאַרוואונדערן דער בריוו, ווייל ער קומט נישט פון גראָדנע. נאָר זיי זיכער, אַז כאָטש איך בין ווייט פון גראָדנע פיר טויזנט קילאָמעטער, בין איך דאָך אַ גליקלעכע, ווייל מיין טרוים פון יאָרן צו אַרבעטן און לעבן מיט סאָוועטישע מענטשן אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע האָט זיך דערפילט.

טייערער ברודער, איך בין איבערפילט מיט אַזוי פיל נייע געפילן, אַז איך ווייס ניט פון וואָס אָנצוהויבן. איך בין אויך ניט זיכער, צי דער בריוו וועט צו דיר אָנקומען, כאָטש איך וויל זייער, אַז נאָך אַזאַ לאַנגער צייט זאָלסטו עפּעס הערן פון מיר. דיין אַדרעס האָט מען מיר ערשט נעכטן צוגעשיקט און איך שרייב דיר גלייך. איך האָב זיך ווערבירט צו פאָרן אויף אַרבעט קיין אופאַ, כאָטש ביי אונז אין גראָדנע איז אויך פאַר מיר אַלץ געווען פריי און אָפן. נאָר דער באַגער צו זען דאָס סאָוועטן־לאַנד שוין מיט אַ 23־יאָריגער פאַרגאַנגענהייט פון סאָציאַליסטישער בויאונג האָט מיך באַוואויגן צו פאָרן אַזוי ווייט.

מיט מיר זיינען מיטגעפאָרן נאָך אַ סך מענטשן פון די באַפרייטע געביטן און אַנטלאָפענע פון היטלערישן דייטשלאַנד, פון די געביטן, וואָס זיינען דורך די נאַצים פאַרנומען געוואָרן אין פוילן. מיין לעבן דאָ איז אַזוי ניי, אינטערעסאַנט און גליקלעך, אַז מיר פעלן ספּעציעלע אויסדרוקן פאַר דעם, כדי דו זאָלסט עס אויך קענען דערפילן. דאָ איז די באַשקיר־רישע אויטאָנאָמע רעפּובליק. פעלקער זיינען דאָ הויפּטזאַכלעך טאַטאַרן, באַשקירן און מאָרדווינער, — פעלקער, וועלכע זיינען אַמאָל געווען אינ־גאַנצן „ווילד" און ווייט פון וועלכער ניט איז ציוויליזאַציע. און טאַקע אָט־די מענטשן פירן עס איצטער אָן מיט אָט־דער רעפּובליק.

טייערער ברודער, מיין בריוו נאָך דער מלחמה האָסטו דאָך געקראָגן. איך האָב דיר דאָרטן געשריבן וועגן די אָפּטע פּאָגראָמען און שחיטות

---

*) איך פאַרעפנטלעך דעם בריוו ווי אַ דאָקומענט, וואָס האָט אַן אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג.

אויף אידן. איז אַט זיינען מיר דאָ צענדליגער נאַציעס, און ווי גליקלעך מיר לעבן צוזאַמען סיי אין גאַס, סיי ביי דער אַרבעט. ווי ליב מיר האָבן איינער דעם צווייטן! און וויפיל דרך ארץ עס האָט איין חבר פאַר דעם אַנדערן. און מען קוקט אפילו ניט, צי אימעצער איז אַן „אַריער"...

איך אַרבעט ביי בוכהאַלטעריע, ווייל אין גראָדנע האָב איך שוין דריי יאָר געאַרבעט ביי דעם. איך בין זייער צופרידן מיט דער אַרבעט. מיינע עלטערע חברים לערנען מיך און אינטערעסירן זיך מיט מיר. אַ פאַקט, אַז פאַר אַזאַ קורצער צייט האָב איך שוין באַהערשט די רוסישע שפּראַך. איך שרייב און לייען און גיי אָן מיט מיין אַרבעט. חוץ דער אַרבעט איז נאָך אויך דאָ אַזוי פיל, מיט וואָס זיך אויסצולעבן גייסטיג, אַז אין מעת-לעת זיינען, צום באַדויערן, פאַראַן צו ווייניג שעה'ן. איך דערלערן דאָ אויך פּאָליטישן וויסן, ווייל איצטער קאָן איצט פריי אויס-פילן מיינע באַגערן. איך לערן איך דעם קורצן קורס „געשיכטע פון דער סאָוועטישער קאָמוניסטישער פאַרטיי". איך באַמי זיך צו באַרייכערן זיך מיט דעם וויסן, וואָס ביי דער פּוילישער מאַכט וואָלט עס באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פאַרברעכן.

איצט, וואָס איז שייך שרה'ן און חנה'ן, זיינען זיי פון מיר זייער צופרידן און נאָך זעקס מאָנאַטן רעכן איך זיך איינאָרדענען מיט זיי.

טייערער ברודער, איך וויל דיר זייער גאָר אַ סך שרייבן, נאָר עפּעס האַלט מיך פונדעסטוועגן אָפּ. זיכער די ווייטקייט און די פאַרשיידנאַר-טיגקייט פון אונזער לעבן. אונז טיילט נאָך אָפּ אַ שווערע, גרויסע וואַנט פון אַמעריקע. איך לייען גאָר אַ סך וועגן דער לאַגע אויף דער וועלט, אויך חוץ אונזער לאַנד. און הערסט, איך בין דאָך שוין נישט קיין קינד, אפשר נאָך מער דורכגעלעבט ווי אַנדערע גאָר אַלטע מענטשן, נאָר וואָס פאַר אַ שיין געפיל דאָס איז, ווען מען איז אַ פּאַטריאָט.

טייערער ברודער, צום ערשטן מאָל איז דאָך איצטער ביי מיר געבאָרן געוואָרן אָט דאָס נייע געפיל. איך האָב אויסערגעוויינלעך ליב דאָס לאַנד. און מיט וואָס פאַר אַ פרייד און גלויבן איך לערן דאָס! מיט וואָס פאַר אַ זיכערקייט אין דעם מאָרגן! טאַקע, מיר באַגעגענען דאָ דעם מאָרגנדיגן טאָג, און ווי ער אונטערשיידט זיך פון אונזער פינצטערן אַמאָל, פון אונזער שוואַרץ לעבן און ניט-זיכערקייט.

עס דערמאָנען זיך מיר די ערשטע טעג, ווען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט גראָדנע, — דעם 1טן סעפּטעמבער ווערט שוין אַ יאָר פון יענער ליכטיגער דאַטע, — ווי די אַלטע אידן האָבן גלייך נאָכ'ן נישט-פאַרענדיגטן פּאָגראָם דערזען די רויטאַרמייאישע רייטער, האָבן זיך אויסגעדריקט: „גאָט האָט אונז זיי צוגעשיקט!" קיינער קאָן די ווערטער אַזוי ניט פילן, ווי די מענטשן פון אונזערע געביטן. איך האָב געאַרבעט ביי די ערשטע וואַלן, ווען דאָס באַפרייטע פאָלק האָט געשטימט פאַר'ן אָנשליסן זיך אָן דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד. איך בין געווען פאַרזיצערין פון

א וואַל־קרייז. און ווען דו גיסט אַ קוק: די אַלטע לייט פלעגן צוקומען און האַלטן דעם וואַל־צעטל און איבערפרעגן אויף דער פשוט'ער אידיי־שער שפּראַך: „איז דער צעטל טאַקע פאַר סטאַלינ'ען?״ אָדער „איז דער צעטל פאַר מאָסקווע?״. מיט וואָס פאַר אַ ליבע זיי פלעגן דאָס אַרויסזאָגן זיך וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און זיין פירער סטאַלין. אַלטע מענטשן, בלינדע, קראַנקע, האָבן זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כחות און זיינען געקומען דעם ערשטן מאָל אין זייער לעבן אָפּצוגעבן זייער שטימע פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מיר לעבן טאַקע איצט איבער די גרויסע פרייד פון די נייע, צו אונז צוגעקומענע, באַפרייטע געביטן ליטע, לאַטוויע, עסטלאַנד. און מיר דער־וואַרטן נאָך גאָר, גאָר אַ סך אַזעלכע פריידיגע אַנזאָגן. דו קאָנסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן דעם שטאָלץ דאָ פון אַ פאַמיליע, וואָס האָט אַ זון אין דער רויטער אַרמיי. אָט נעם אַפילו מיך: מען האָט מיר געשריבן, אַז לייזער איז שוין געקומען פון דער רויטער אַרמיי. און איצט איז יאַנקל אַ רויט־אַרמייער, כאָטש נאָר אויף 30 טעג. אָבער אין אַ מאָנאַט אַרום גייט שוין אוועק אויף דריי יאָר אין דער רויטער אַרמיי איצל. שטעל זיך פאָר וואָס דאָס מיינט צו זיין אַ רויטאַרמייער!

איצט, אונזער קלענסטער ברודערל, שלום'קע, וועלכער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן, וואָס מיינט די ליבע פון אַ פאָטער אָדער מוטער, איז איצט אַ געוואַלטיגער פּאַטריאָט פון זיין פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אים געשיקט אין אַ פּיאָנערן־לאַגער און טראָגט מיט שטאָלץ זיין רויטן פּיאָנערסקן קראַוואַט. מיר זיצן דאָ אַלע אין אונזער קאָלעקטיוו און דער־

די פאָטאָגראַפיע איז אָנגעקומען אין דעם בריוו.
גאָלדע איז די צווייטע פון לינקס.

מאַנען זיך אָן אונזער פינצטערן אַמאָל און עס גלויבט זיך אונז ניט, אַז מיר זיינען שוין פון דעם אַזוי ווייט, טאַקע עפּעס ווי אַ זיסער חלום.

טייערער ברודער, איך וויל דיר בעטן, אַז אַזוי שנעל ווי דו וועסט קריגן מיין בריוו זאָלסטו באַלד שרייבן אַן ענטפער, ווייל ביז איך וועל קריגן דיין ענטפער וועט זיכער אַוועקגיין אַ פּיר מאָנאַטן און דאַן וועל איך זיך שוין קליבן צו פאָרן צו שרה'ן אָדער חנה'ן. איך שיק דיר אַ פאָטאָגראַפיע פון אונזערע נייע סאָוועטישע בירגער. אַ טייל פון די, וואָס זיינען אויף דער פאָטאָגראַפיע, זיינען אַנטלאָפענע פון דייטשלאַנד. זיי האָבן אויך קרובים אין ניו יאָרק. מיר גרייטן זיך דאָ איצט צו פייערן צוויי יום־טובים — דעם 17טן סעפּטעמבער, פון אונזער באַפרייאונג, און דעם יאָרטאָג פון דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

גרים הארציג פרענסים'ן, אפרים'ען מיט זיין פרוי און זון און אַלע אַנדערע קרובים אונזערע. זייט געזונט און שטאַרק.

דיין שוועסטער,

גאָלדע פּאָמעראַנץ,

אופאַ, באַשקיריע, מאַטאָרני זאַוואָד, קאָמונסטראָי.

אַ מערקווירדיגער דאָקומענט

„פון אַ געפּייניגטן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער — אַ אידיש־סאָוועטישער דיכטער."

דאָס אונטערקעפּל איז פון יאַנואַר נומער (1941) פון „איקוף"־זשורנאַל „אידישע קולטור", וואו עס ווערט געדרוקט אַ בריוו, וואָס איז איינער פון די פּאַטעטישסטע און וואונדערלעכסטע דאָקומענטן וועגן לעבנס־וועג פון די אידישע פּראָגרעסיווע און רעוואָלוציאָנערע שרייבער אין ווילנע. מיר דרוקן פון אים איבער די פאָלגנדיגע שטעל:

„צו אונז אין ביאַליסטאָק זיינען דערגאַנגען איינציגע נומערן פון אייער זשורנאַל „אידישע קולטור". שטעלט אייך פאָר מיין פרייד, איך האָב אין נומער 4 געפונען אָפּגעדרוקט מיין ליד „סרולקע דער טרעגער". די צוויי לידער אין נומער 3 פון אייער זשורנאַל (1939) האָב איך אויך געלייענט. דאָס וויכטיגסטע איז אָבער דאָס, וואָס איך קאָן זיך שוין היינט „דעמאַסקירן", אויסזאָגן מיין פאַמיליע און מיין נאָמען און אפילו מיין אַדרעס, וואו איך וואוין אויך. עס וועט שוין קיינער ניט קומען ביינאַכט מיך אַרויסשלעפּן פון בעט און אַוועקשיקן קיין בערעזע. אין פּוילישן קאָנצענטראַציע־לאַגער בין איך געווען 19 מאָנאַטן, חוץ דעם בין איך געזעסן 6 יאָר אין תפיסה. אַלזאָ, איך היים שלום זשירמאַן, פון פאַך — אַ סטאָליער, אַלט 32 יאָר, געבוירן אין ווילנע, און פון די איינ־

סטע יאָרן געאַרבעט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. כ'האָב געשריבן אַ סך לידער, וועלכע זיינען „אַוועק אין פאָלק", געזונגען געוואָרן און דעקלאַמירט געוואָרן און דאָס האָט מיך באַגייסטערט ווייטער צו שרייבן. די לידער, וועלכע זיינען ביי אייך פאַראַן, זיינען געבוירן געוואָרן אין קאַרצער פון בערעזע. איך האָב זיי אַרויסגעטראַכט און טייל־ווייז פאַרגעדענקט. איצט בין איך אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד אין סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד... אינגיכן דערשיינט מיין ערשט ביכל לידער..." א. אַ. וו.

איך האָב דעם בריוו אָנגערופן: ד אָ ק ו מ ע נ ט, ווייל ניט נאָר איז ער כאַראַקטעריסטיש פאַר די פּראָגרעסיווע אידישע שרייבער אין פּוילן און ליטע, נאָר אויך פאַר די פּראָגרעסיווע אַרבעטער און יוגנט בכלל. די שטענדיגע זאָרג, אפשר וועט מען מאָרגן שוין ניט זיין מער אויף דער פריי, איז געווען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג. זי איז געשילדערט געוואָרן אין דער דיכטונג ניט נאָר פון שלום זשירמאַן, נאָר אויך פון אַ סך אַנדערע, אַריינגערעכנט דעם רייפסטן יונגן ווילנער אידישן דיכטער ח י י ם ג ר אַ ד ע. אין זיין לידער־בוך „יאָ" (ווילנע, 1936) געפינען מיר דאָס פאָלגנדיגע בילד (אין דעם ליד „מאַמע און זון"):

„אין שטוב: ער גליווערט אויפן בעט,
די אויגן צו און בלייך.
דער לאָמפּ פילט אָן דאָס קעמערל
אין מיטן טאָג מיט רויך.

פּלוצלונג רייסט ווער אויף די טיר:
די מאַמע מיט געוויין:
— דאָס האַרץ גייט אויס אין מיר,
ווי נאָר דו בלייבסט אַליין...

ער הויבט דעם קאָפּ פון קישן אויף און בלייבט פאַרשטיינט;
זי האָט אַרויסגערעדט די שרעק, וואָס האָט אין אים געוויינט..."

אַן ענלעך בילד געפינען מיר אין דער פּאָעמע „אויפ'ן ווינט", פון ב י נ ע ם ה ע ל ע ר, ווי אַזוי אַ יונג־פאַרליבט פּאָרל געזעגנט זיך ביינאַכט:

„— אַ גוטע נאַכט! — אַ גוטע נאַכט!
נאָר שווער איז זיך צו שיידן.
ווי ס'וואָלט דער שאָטן פון אַ שרעק צונויפגעקלעפּט אונז ביידן.

שוין אָפּגעשמועסט די שעה, דאָס אָרט,
וואו מאָרגן זיך צו זען.
פאַרוואָס־זשע טונקלט אונז אַן אנונג,
אַז עפּעס וועט געשען?"

„מאָרגן קאָנסטו זײַן שוין װײַט
פון פרילינג און פון מיר;
מאָרגן קען דאָס אַלץ שוין זײַן
הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר..."

מיר איז באַזונדערס באַקאַנט אָט־דער לעבנס־שטייגער פון דער אידישער פּראָגרעסיװער יוגנט אין פּױלן, כאָטש ניט אַזױ פיל פון אײגענער דערפאַרונג, װי דורך מײַן משפּחה. ס'איז גענוג, אַז מײַנע 4 שװעסטער, אַ ברודער און 2 שװאָגערס האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון טורמעס. די צװײ שװאָגערס זײַנען באַפרײַט געװאָרן אַ דאַנק דעם אַרײַנמאַרש פון דער רױטער אַרמײ נאָכ'ן אָפּזיצן צו 5 יאָר פון 8־יאָריגע אורטײל־טער־מינען. אײן שװעסטער איז אָפּגעזעסן 5 יאָר אין אַ פּױלישער פרױען־תּפיסה פון אַ 7־יאָריגן טערמין. די אַנדערע זײַנען געזעסן װײניגער. אײן שװעסטער און אײן שװאָגער, אַ װילנער, זײַנען טאַקע אָפּגעקומען אין װילנע. און דער בריװ אין „אידישער קולטור" האָט מיך דעריבער אומ־געװײנלעך גערירט.

שלום זשירמאַנ'ס מאַרטירער ־ װעג האָבן דורכגעמאַכט אַ סך פּראָגרעסיװע אידישע שרײַבער אין דער פאַנסקער פּױלן און ליטע. מיט װײניג אױסנאַמען, זײַנען זײ באַשטאַנען פון אַ יוגנטלעכן עלעמענט, די „יונג־װילנע". אין זײערע װערק האָבן זײ געשילדערט די שװידערלעכע לאַגע פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, דעם אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם, און באַזונדערס דעם מוטיגן קאַמף פון דער רעװאָלוציאָנערער יוגנט. זײ זײַנען דעריבער פאַרפאָלגט געװאָרן.

די פּױלישע רעגירונג פלעגט זיך ניט אַלעמאָל באַנוגענען בלױז מיט אונטערדריקן די װערק פון אַזאַ יונגן שרײַבער, נאָר אים אױך אַרײַנזעצן אין תּפיסה, און אַפילו אַרײַנשלײדערן אין דעם שװידערלעכסטן טרױעריג־באַרימטן קאָנצענטראַציע־לאַגער פון קאַרטוז־בערעזע. אַזױ איז געװען דער פאַל מיט ש ל ו ם ז ש י ר מ אַ ן, ד ו ד ק ו ט נ ע ר און אַנדערע. פון צײַט צו צײַט פלעגט די פּױלישע פּאָליצײ מאַכן אַן איבער־פאַל אױף די אידישע גאַסן און כאַפּן יונגע מענטשן. בײַ אַזאַ מענטשן־געיעג אין װילנע איז אין 1936 געכאַפּט געװאָרן אַ יונגער אידישער ליטעראַטור־קריטיקער, אַ געענדיגטער אַדװאָקאַט, א. ל. גערמאַנסקי, װעמען מען האָט פאַרפײַניגט צום טױט אין דעם קאַרטוז־בערעזער קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער, װאו שלום זשירמאַן איז 19 חדשים געפּײַניגט געװאָרן.

הונגער, נױט, הײמלאָזיגקײט, אומלעגאַליטעט, תּפיסה, קאַרטוז־בערעזע — אָט דאָס איז געװען אין פּױלן, װי אין ליטע, דער לעבנס־שטײגער, דער מאַרטירער־װעג פון אַ גאַנצן דור אידישע האָרעפּאַשניקעס, אידישע יוגנט־לעכע און אידישע שרײַבער. אַפילו דער „העלענער", דער „עסטעט", דער „יונג־װילנער" א. ס ו צ ק ע װ ע ר האָט צװישן די מױערן פון דער

געטאָ געזען די „מעסערדיגע וואר", ווי „ביי יעדער שטוב ברענט אַ וואונד — אַ רויטער מוכאָמאָר" (אַזאַ גיפטיגער שוואָם), אַז „אַן אָסיענבלאַט איז יעדערנ'ס געזיכט", און:

„אַ מיידעלע זיצט אויפן גאַניק
און נישטערט די נאָז אין אַ ביכל.
זי טרוימט דעם פאַנטאַסטישן תענוג:
אַ ברויט און אַ קלייד און אַ שיכל..."

אָבער אַ. סוצקעווער האָט גלייכצייטיג אפילו דעמאָלט שוין אויך געזען „אַ האַרדע בלוי־אויגיגע יונגען", וועלכע „מאַרשירט זיך דורך גאָלדענעם שטויב, ווי אַ טייכל צעקלונגען" — „די אַרבל פאַרקאַשערט און פעסט די ידים: מיר וועלן דעם פאָלק פון זיין געטאָ באַפרייען!" ער האָט געזען „גייער פון נאַכט ביי דעם אויפבלי פון גילדערנע פייערן",

און ווייט, דורך די נאַכט־האָריזאָנטן,
דערזע איך עס וואַקסט, עפּעס העלט.
אין מאַרגנרויט נעמען זיך אָנטאָן —
אַ וואַלד, אַ מדינה, אַ וועלט".

אַ. סוצקעווער האָט פאָראויסגעזען אַ ליכטיגע סאָוועטישע צוקונפט. אָבער פאַר דעם אריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי אין ווילנע האָט ער געזען „ווי אַ שלאַנג, די אומרואיגקייט קריכט אַריבער שטיבער, טויערן — און העכער".

— — — — — — — — — — — — —

„פון אַלטע דעכער
פליען אָפּ די שטערן —
קינדער היימלאָזע —
און הערן,
ווי עס פ י ב ע ר ט שטומערהייט אַ דור.
אַ דור פון קעמפער, זינגער און פאַרברעכער,
איינגעפּלאָכטן אַלע אין איין קנופּ....
עס איז מעסערדיגע וואָר".

און דאָ פּלוצלונג, ווי עס זינגט דער „יונג־ווילנער" חיים גראַדע:

„מיר ווישן פון פּנים דעם נאַכטיגן פיבער
— די רויטע אַרמיי איז דעם גרענעץ אַריבער?..."

אַ גאַנצער דור פון קעמפער און זינגער, וואָס האָט געפיבערט, האָט אָפּגעווישט פון פּנים דעם נאַכטיגן פיבער אַזוי שנעל ווי די רויטע אַרמיי איז דעם גרענעץ אַריבער. און באַזונדערס פריידיג האָט געמוזט זיין דער דור פון אידישע זינגער, פון דיכטער און שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך אַזוי פיל אָנגעליטן אונטער די פריערדיגע רעזשימען.

אידישע שרייבער האָבן דאָך פריער ניט געקענט אָנגעבן אויף זייערע ווערק זייערע אמת'ע נעמען. זיי האָבן אפילו געמוזט וואַרענען אונטער אויסגעטראַכטע נעמען, ניט איינגעמעלדעטע. פּראָגרעסיווע אידישע צייטונגען האָט מען קאָנפיסקירט און פאַרבאָטן, ווי „קורץ", „נייס" אין ווילנע, און די אַנדערע צייטונגען אין וואַרשע, לאָדז, ביאַליסטאָק, גראָדנע און אַנדערע פּלעצער. מען האָט פאַרפאָלגט די רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער. אויב אַ אידישער דיכטער פלעגט אַרויסלאָזן אַ פּראָגרעסיוו ביכל, פלעגט באַלד קומען די זאָרג און די מורא, אַז מען זאָל עס ניט קאָנפיסקירן און אים נאָך דערפאַר אַריינשליידערן אין תפיסה, צי אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

און אַט — די רויטע אַרמיי איז דעם גרענעץ אַריבער — און עס שרייבט ב. מ אַ ר ק פון ביאַליסטאָק:

„אין ביאַליסטאָק געפינען זיך די פאָלגנדיגע אידישע שרייבער: קאַגאַנאָווסקי, זילבורג, בערלינסקי, מיצמאַכער, אָקרוטני, ספּאַרד, העלער, רובינשטיין, עמיאָט, קנאַפּהיים, ריכטער משה לעווין יאַנסאָוויטש, פוקס,

„דער גרעסטער טייל פון די אידישע שרייבער האָט שוין געשלאָסן אָפּמאַכן מיט די מלוכה־פאַרלאַגן פון מינסק און מאָסקווע. אינגיכן דערשיינען נייע ביכער פון קאַגאַנאָווסקי (מיט מיינער אַ פאָררעדע), בערלינסקי, העלער, עמיאָט א. אַז. וו. אַ סך זאַכן זיינען שוין איבערזעצט אין ווייס־רוסיש. מען פאַרנעמט זיך מיט די צוגעקומענע שרייבער גוואַלדיג. אַ סך זיינען זומער געווען אויף אָפּרו און קוראַציע אין קרים, אין קאווקאַז, אין צענטראַל־רוסלאַנד, אין דרוסקעניק... די שרייבער האָבן אין ביאַליסטאָק באַקומען אַ פּרעכטיג הויז מיט די שענסטע מעבל און מיט אַ גרויסן בודזשעט", א. אַז. וו.

ס'איז דאָך פּאָלג מיך אַ גאַנג: פון אַ געפּייניגטן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער ביז אַ אידיש־סאָוועטישן דיכטער. איז דאָך נאַטירלעך, אַז די אידישע דיכטונג זאָל זיך דאַרטן איצט צעבליען ווי נאָך קיינמאָל ניט. האָבן מיר טאַקע געזען וויפיל מער קראַפט עס פאַרמאָגן איצט די לידער פון די „יונג־ווילנער", פון חיים גראַדע און פון אַלע אַנדערע. און ס'וואָלט דאָך געווען ווילד און אומנאַטירלעך, אַז די אידישע דיכטער זאָלן ניט אויסדריקן זייער גוואַלדיגע באַגייסטערונג פאַר דער רויטער אַרמיי

און די קרעכצער „אויפ'ן חורבן פון דער עדה", וואָס ווילן דרייען אויף צוריק די ראָד פון דער געשיכטע, וועלן מיר ענטפערן מיט די שורות פון שלום ושירמאַנ'ס קאַרטוז־בערעזער ליד „סרולקע דער טרעגער":

נאָר לעבן פאָראויס שטראָמט מיט קראַפט ווי אַ טייך,
אָט שפּין איך שוין ווייטער די פעדים פון גליק,
פון סרולקע דעם טרעגער — תלינים, פאַר אייך
טראָג איך די אַלטע געפלאָכטענע שטריק!"

ביכער זיינען וואפן

ביכער זיינען וואפן!

מיר האבן אנומעלטן געלייענט גראד אין „פארווערטס” א מערקווירדיגן בריוו פון אן אכט־יאריג אינגעלע אין סאוועטן־פארבאנד. דעם בריוו האט באקומען דער דיכטער נחום יוד פון זיינעם א פלימעניק, וואס האט געמוזט פארלאזן מאסקווע צוליב דער מלחמה. דער בריוו לייענט זיך טיילווייז אזוי:

„טייערער נ. צוליב דעם פארפלוכטן היטלער, דעם דאזיגן פאררעטערישן אויסוואורף, האב איך געמוזט פארלאזן מיין פראכטפולן צימער אויף דער זומער־וואוינונג, מיין באליבטע קאץ, די בלומען־בייטן, די יאגדעס און דאס איבעריגע. נאר מיר וועלן פון אים נקמה נעמען פאר אלץ, און מיר וועלן פארניכטן דעם פאשיזם, וואס איז שעדלעך פאר דער מענטשהייט; האסטו געשריבן א בוך וועגן דער בעסטיאלישקייט פון די פאשיסטן?

„אלע מענער פון אונזער פאמיליע זיינען פרייוויליג אוועק אין דער ארמיי, און וואס האסטו געטאן אום אומצוברענגען דעם פארשאלטענעם פאשיזם?”

יעדער אידישער שרייבער מוז זיך שטעלן אט־די פראגע:

„האסטו געשריבן א בוך וועגן דער בעסטיאלישקייט פון די פאשיסטן?”

יעדער אידישער שרייבער ווי יעדער איד און פראגרעסיווער מענטש בכלל דארף און מוז זיך אליין פרעגן:

„וואס האב איך געטאן אום אומצוברענגען דעם פארשאלטענעם פאשיזם?”

:: :: ::

ביכער זיינען וואפן!

זאלן אונזערע ביכער קעמפן פאר פרייהייט!

אט די לאזונגען, אט די אמת'ן זיינען פראקלאמירט געווארן אויף דער ביכער־מאביליזאציע קאנפערענץ אין פענסילוועניע האטעל, ניו יארק (יולי 23, 1942).

ארום 750 פארשטייער פון יעדן צווייג פון דער ביכער־וועלט — רעדאקטארן, שרייבער, ביכער־פארקויפער, ביבליאטעקארן, איינבינדער און

אנדערע — זיינען געווען פארטראטן אויף דער קאנפערענץ. זי איז גע־רופן געווארן פון דער בוך און זשורנאל יוניאן, לאקאל 18, סי־אי־א, צו פארהאנדלען די פאראנטוואָרטלעכקייטן פון דער בוך־פארלאג אינדוסטריע אין דער מלחמה און אננעמען די געהעריגע מיטלען, אז אויב ביכער זיינען וואפן „טא לאמיר זיין זיכער, אז אונזערע וואפן קעמפן פאר פרייהייט".

מען האט פארהאנדלט ניט נאר דעם אינהאלט פון די ביכער, אדער אפשר איז ריכטיגער צו זאגן: ניט נאר די פארמעלע זייט פון די ביכער, זייער אויסערלעכן אויסזען און פרייז, נאר אויך זייער אינהאלט. א חוץ די מיטגלידער פון דער יוניאן זיינען ארויסגעטראטן מיט אינטערעסאנטע רעפעראטן רעגירונגס־באאמטע, אויטארס, ביבליאטעקארן, בוך־קריטיקער און אלערליי בוך־אויטאריטעטן פון לאנד. אויף אזא אופן איז די קאנפערענץ געווען פון גרויס באדייטונג פאר'ן גאנצן לאנד, ווי פאר גע־ווינען די מלחמה.

* * *

די קאנפערענץ האט אנגענומען א רעזאלוציע פאר א באלדיגן צווייטן פראנט און זיך פארפליכטעט „צו ארבעטן פאר אייניגקייט אין אונזער אייגענער אינדוסטריע און ניט דערלאזן, אז קלאס, ראסע, קאליר אדער גלויבן זאל אונז צעטיילן... די דזשאב־געלעגנהייטן אין דער פארלאג־אינדוסטריע מוזן זיין אפן פאר אלעמען גלייך".

די קאנפערענץ האט אויך באשלאסן, אז:

„קיין בוך, וואס העלפט דעם שונא און דינט שלעכט אונזער זאך, זאל ניט געדרוקט ווערן. ביכער, וואס צעשטערן אונזער נאציאנאלע אייניג־קייט און שאפן אומרואיגקייט צווישן וועלכע עס איז גרופן פון דער באַ־פעלקערונג, ציען אונז אוועק פון אונזער הויפט־צוועק — די מפלה פון דער אקס.

„היטלער באמיט זיך אויפהעצן קאפיטאל געגן ארבעט, ווייסע געגן נעגערס, קאטאליקן געגן פראטעסטאנטן, קריסטן געגן אידן, רוסן געגן ענגלענדער, אמעריקאנער געגן רוסן. ביכער מיט אזעלכע געדאנקען טארן ניט גדרוקט ווערן.

„די פארלאג־אינדוסטריע מוז באזארגן יעדן אמעריקאנער אין דער מערב־העמיספערע מיט ביכער, וואס זאלן אים דערקלערן צוליב וואס ער קעמפט. מיר מוזן באוואפענען די מענטשן מיט'ן אמת".

אוים מיט קונסט־צוליב־קונסט! אוים מיט ביכער צוליב ביכער! קונסט און ליטעראטור, ווי צייטונגען און זשורנאלן, זיינען ניט נייטראל, ניט אביעקטיוו — זיי זיינען א סך מער ווי פארוויילונג, זיי זיינען א געווער, העלפן ענדערן די וועלט.

ב י כ ע ר ז י י נ ע ן ו ו א פ ן!

אט די אמת'ן, וואס זיינען שוין א לאנגע צייט צוריק פראקלאמירט געווארן פון די גרונט־לייגער פון מארקסיזם, פון די פראלעטארישע און

סאָוועטישע ליטעראַטור־פאָרשער, זיינען איצט, צוליב און אדאַנק דער מלחמה מיט׳ן פאַשיזם, קלאָר געוואָרן אַפילו פאַר אַ סך אָנגעזעענע פירער פון דער בירגערלעכער ביכער־וועלט אין אַמעריקע.

* * *

און ניט נאָר ביכער, נאָר אַפילו ביבליאָטעקן און ביבליאָטעקאַרן זיי־נען ניט „נייטראַל", ניט „אָביעקטיוו". דאָס האָט באַשטעטיגט ניט קיין אַנדערער ווי פרענסיס סט. דזשאָן, דער הויפּט פון ביכער־צירקולאַציע פון דער באַרימטער ניו יאָרקער צענטראַלער פּאַבליק לאַיברערי, ווען ער האָט דערקלערט אויף דער קאָנפערענץ, אַז די לאַיברעריענס (ביבליאָטעקאַרן) זיינען „צוויי־פויסטיגע מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַרנומען צו מאַכן דאָס לאַנד אַזוי דעמאָקראַטיש ווי מעגלעך". די פּאַבליק לאַיברערי מאַכט שוין אַפילו מער ניט דעם אָנשטעל פון „אָביעקטיווקייט", נאָר העלפט פאַר־שפּרייטן ביכער געגן דעם פאַשיסטישן מאָנסטער און פאַר׳ן דעמאָקראַטישן וועג פון לעבן.

* * *

און ניט נאָר ביבליאָטעקן, נאָר אַפילו קינדער־ליטעראַטור איז שוין מער ניט „נייטראַל" און „אָביעקטיוו". מעי לאַמבערטן בעקער, רעדאַק־טאָר פאַר קינדער־ליטעראַטור אין דער „העראַלד־טריביון", האָט אין נאָמען פון דעם פּאַנעל (סעקציע) וועגן קינדער־ליטעראַטור אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז „דאָס איז אַ מלחמה פון אידייען", און דאַרף דעריבער אַריינ־געבראַכט ווערן אויך אין די קינדער־ביכער:

„יעדעס קינדער־בוך אין דער צייט פון דער מלחמה דאַרף זיין דורכ־געדרונגען מיט די פּרינציפּן פון גערעכטיגקייט, ראַסן־גלייכהייט, וואָס ווערן באַשטריטן פון היטלער׳ן", האָט זי דערקלערט, ווייל „קינדער זיינען ניט קיין „בעיבים", נאָר אומרייפע מענטשן מיט שאַרפע מוחות". און ווייל מען קאָן פון זיי ניט אויסבאַהאַלטן די מלחמה, מוזן די געדרוקטע ביכער אין זיי איינפלאַנצן „אַ געפיל פון זיכערקייט... און דעם לעבעדיגן באַ־וואוסטזיין פון דעם אויטאָר וועגן דעם פ אַ ר וו אָ ס מיר קעמפן — און געגן וואָס".

* * *

דער סאַמע דראַמאַטישסטער מאָמענט פון דער קאָנפערענץ איז גע־ווען די מעלדונג פון דזשאַן סטרוטהער, די יונגע ענגלישע אויטאָרשע פון „מרס. מיניווער" (ווערט געוויזן דורך אַ פילם), וועגן די אָפּשטימונג־רעזולטאַטן פון די צען ביכער, וואָס האָבן מער ווי אַלע אַנדערע אין אַמע־ריקע געהאָלפן דער מלחמה. אויפ׳ן ערשטן אָרט איז געווען דזשאָזעף ע. דעיוויס׳עס „מישאָן טו מאָסקאַו" (האָט זיך געדרוקט קאַפּיטלעכווייז אין דער „מאָרגן־פרייהייט"). די אַנדערע ניין זיינען געקומען אין דער פאָלגנדיגער אָרדענונג: 2) דעפענס וויל נאַט ווין דהי וואָר, פון וו. פ. קוירנען; 3) אַמבאַסאַדאָר דאָד׳ס טאָג־בוך; 4) בווירלין דאַיערי, פון

וויליאם שאירער; 5) ראשיע'ס פאיטינג פארסעס, פון קאפיטאן קורנא־קאוו; 6) יו קענ'ט דו ביזנעס וויט היטלער, פון דאגלאס מילער; 7) בלאד, סוועט ענד טירס, פון ווינסטאן טשוירטשיל; 8) סאוועט פאוער, פון דין אוו קענטערבערי; 9) פראיס אוו פרי ווארלד וויקטארי, פון הענרי וואלאס; 10) דעים אוו אור אירס, פון פיער וואן פאסען.

* * *

דער אויסוואל פון אט־די צען ווערק איז אויך א באווייז פון דער גרויסער איבערקערעניש, פון די גוואלדיגע ענדערונגען אין דער אמעריקאנער ביכער־וועלט. מיר קאנען עס צום באדויערן ניט זאגן וועגן אידישן ביכער־וועלטל אין אמעריקע. די סאוועטיש־אידישע נאוועליסטן, דער־ציילער, דראמאטורגן, פאעטן — די געטרייע יורשים פון דער גרויסער טראדיציע פון די קלאסיקער אין דער אידישער ליטעראטור — זיינען איצט פארנומען ניט נאר מיט דער ביקס, נאר אויך מיט דער פען, מיט טיפע קינסטלערישע ארבעטן וועגן די ליכטיגע געשטאלטן פון די העל־דישע זין און טעכטער פון אידישן פאלק, ווי פון די אנדערע פעלקער אין סאוועטן־פארבאנד, און וועגן דעם גרעסטן שונא פון אידישן פאלק און וועגן דעם קאמף קעגן אים. דאס האבן מיר געזען אין די צופעליגע, קורצע מוסטערן, וואס האבן לעצטנס דערגרייכט אמעריקע און ווערן געדרוקט אין דער „מארגן־פרייהייט". עטוואס ווערט אויך געטאן אויף דעם געביט, כאטש גארניט אין פארגלייך מיט דער סאוועטיש־אידישער ליטעראטור, פון די אידישע פראלעטארישע שרייבער אין אמעריקע.

אבער וואו זיינען די אלגעמיינע, פאראייניגטע אידישע ביכער און שרייבער־קאנפערענצן אין אמעריקע? וואו זיינען די אידישע „מישאן טו מאסקאוס", „סאוויעט פאוערס", און די אנדערע אנטי־פאשיסטישע גרויסע וויסנשאפטלעכע, פובליציסטישע און קינסטלערישע ווערק? זיי זיינען ניטא. עס דערשיינען אידישע ביכער, וואס האבן גאר קיין שייכות ניט צו דער איצטיגער בלוטיג־ערנסטער, הרת־עולם צייט פאר'ן אידישן פאלק און פאר דער גאנצער וועלט. און אויב ניט נאך . . . ערגער און שרעקלעכער. אין זשורנאל „די צוקונפט", וואס ווערט רעדאקטירט פון ש. ניגער, דוד פינסקי און הלל ראגאף, אין סאמע נייסטן נומער (יולי, 1942), ווערן געדרוקט לידער פון א ליטעראַרישן כאניו, וואו סטאלין ווערט אנגערופן „רשע", „מנוול", „שקר־גנעץ", „קין" און „די לייט פון גרויסע טאטן", די באלשעוויקעס, קאמוניסטן, הייסט עס, ווערן אנגערופן „אפאסטאטן", „מערדער", „פרעכע לייט" און דער סאוועטן־פארבאנד — „ממשלת זדון". איז טאקע ניטא קיין גרענעץ צו דער הפקרות אין דער אידישער ביכער־וועלט, ווי אויף דער אלגעמיינער אידישער אזוי־גערו־פענער גאס? אזא כאנינשטשינע אין דער ליטעראטור איז בלויז א וואפן פאר היטלער'ן און די אמעריקאנער היטלערס. דאס איז ארבעט פאר היטלער'ן!

אַ מוזיקאַלישע געשיכטע

אין ניו יאָרק און אין אַנדערע שטעט פון די פאַראייניגטע שטאַטן האָט מען געוויזן אַ לייכטן סאָוועטישן פילם „אַ מוזיקאַלישע געשיכטע". די פרעכטיגע קאָמעדיע האָט פאַר אונז אַנטפּלעקט דאָס רייכע קולטור־ און קונסט־לעבן פון אַ סאָוועטישער אונטערנעמונג, פון פּשוט'ע סאָוועטישע אַרבעטער און מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר.

אין דעם פילם האָבן מיר זיך באַקענט מיט אַ לענינגראַדער גאַראַזש. מיר האָבן געזען ווי אַ שאָפער ווערט איינער פון די באַרימטסטע אָפּערעטענאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (געשפּילט פון יונגן באַרימטן סאָוועטישן טענאָר לעמעשעוו).

אין דער פאַרהעלטניסמעסיג־קליינער סאָוועטישער אונטערנעמונג זיינען געווען צוויי אָרקעסטערס — אַ סימפאָנישער און אַ דזשאַז — פון די אַרבעטער פון דעם אַנשטאַלט. אין דעם פילם זעט איר אויך אַן אויפפירונג פון „יעווגעני אָניעגין", געשפּילט און געזונגען פון אַן אַמאַטאָרישן אָפּערעקרייז פון אַ פאַבריק. קורץ: מיר האָבן געזען די הויכע שטופע פון דער מוזיקאַלישער קולטור אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

:: :: ::

אין אַלע אַנדערע לענדער, אויך אין אַמעריקע, איז מען געוואוינט צו קוקן אויף אַ פאַבריק, ווי אויף אַ פּלאַץ פון פיזישער פּראַצע, פון „בלייכע אָפּרעיטאָרס".

אַ שאַפּ איז אין אַמעריקע געוויינלעך אַ סינאָנים פון שווערער האָרעוואַניע, פון פאַרשטיקטער לופט, פון באָסישער עקספּלואַטאַציע, פון אַ פאָרמאַנ'ס בייזע בליקן, פון ספּיד־אַפּ, אַ פּלאַץ פון אָפּקומעניש און אומקומעניש. שוין אָפּגערעדט פון די אַמאָליגע און היינטיגע סוועט־שעפּער.

אין אַן אַמעריקאַנער פאַבריק אָדער שאַפּ מוז מען יעדן טאָג אָפּאַרבעטן אַ געוויסע צאָל שעה'ן. דערנאָך לויפט מען ווי אונטערגעשאָסענע אין די „אייל־שעה'ן" („ראָש־אַוערס") צו דער ווי הערינג־צונויפגעפּרעסטער סאָבוועי, מען פאָרט אַהיים קומען צו זיך, אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אויסגלייכן דעם רוקן, אויסרוען די ביינער און גלידער, עסן וועטשערע, לייענען אַ ציַיטונג, פאַרברענגען מיט דער פאַמיליע, גיין אין אַ מואווי, טעאַטער, קאָנצערט, מיטינג, א. אַז. וו. מיט איין וואָרט — לעבן, פאַרזוכן דעם טעם פון ווירקלעכן לעבן. דאָס גייסטיגע, קולטור־געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דעם אַרבעטער איז אויסער דעם אַרבעט־פּלאַץ, ווייט פון דעם שאַפּ אָדער פאַב־

ריק, איז אַ געגנזאַץ צום פריערדיגן לעבן אָדער אומלעבן פון אַ גאַנצן טאָג.

צי האָט די זון אַ פּנים פון מאַראַנצן־שאָלעכץ ?

צי צוויטעט גאָר אויף איר, ווי אויף די פענטער אינעם שאָפּ,

אַ גרינער שימל ?

וואָס ווייסט דען מוישע־יאָס פון אָט־די פרעמדע זאַכן ?

אַז איבער אים אין שאָפּ הענגט גאָר אַ פלעקעדיגע סטעליע —

ניט קיין הימל.

(„סיליד פון אַלטן אָפּרעיטאָר", פון לייב סאָברין)

אָבער גאָר אַן אַנדער סאָרט שאָפּ און פאַבריק האָב איך געפונען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. צום ערשטן מאָל האָב איך דערפילט, אַז אַרבעט אין אַ סאָציאַליסטישן קאָלעקטיוו איז ניט קיין שווערע לאַסט און אָפּקומעניש, נאָר אַ זאַך פון רום און ערע, אַ קאָלאָסאַלער פאַרגעניגן פון שאַפן, פון בויען.

די סאָוועטישע שעפער און פאַבריקן זיינען אין דער זעלבער צייט צענטערס פון גייסטיגן, קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די אַרבעטער. זיי פאַרמאָגן רעסטאָראַנען, קלובן, טעאַטערס, אָרקעסטערס, טאַנץ־ און באַלעט גרופּעס, קונסט־סעקציעס, ספּאָרט־ און זעלבסטבילדונג־קרייזן און אָוונט־שולן. די סאָוועטישע שעפער און פאַבריקן — און קאָלכאָזן — זיינען טעמפּלען און צענטערס פון קולטור און קונסט.

כ'האָב באַזוכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ סך פאַבריקן. אויך גע־לייענט און געהערט וועגן אַ סך אַנדערע. טאָ לאָמיר ברענגען קאָנקרעטע ביישפּילן. די פאַקטן וועלן רעדן פאַר זיך אַליין.

:: :: ::

לענינגראַד, 1935. מיר זיינען אין דער ניט זייער גרויסער און ניט זייער באַוואוסטער פאַבריק פון אָפּטישע אינסטרומענטן. באַלד דערנעבן דער ריזיגער קולטור־פּאַלאַץ אָדער „קולטור־קאָמבינאַט", וואָס איז אויפ־געבויט געוואָרן ערשט מיט צוויי יאָר פריער. דער גאַנצער ערשטער שטאָק איז פאַרנומען פון אַ פאַבריקע־קוכניע. ווי אין פּסוק שטייט : אם אין קמח, אין תורה. די עקאָנאָמישע באַזע. דער צווייטער שטאָק איז די „סו־פּער־סטרוקטור" : אַ ביבליאָטעק, אַ קאָנצערט־זאַל מיט 5 טויזנט זיץ־פּלעצער און אַ ריי צימערן פאַר פאַרשיידענע קולטורעלע טעטיגקייטן.

דער בייטאָג־איבעררייס, די מיטאָג־שטונדע אויף דער פאַבריק, איז טאַקע אַ פולע שעה. אָבער צוליב דער נאָענטקייט פון דער מאָדערנער באַקווע־מער פאַבריקע־קוכניע קאָן מען פאַרטיג ווערן מיטן מיטאָג אין 20 מינוט. אַמאָל, אין אַלטן עס־צימער, פלעגט דער אַרבעטער צעטרענצלען די גאַנצע שעה שטייענדיג אין דער ריי און וועררנדיג אַרויסגעשטופּט. איצט בלייבט אים גאַנצע 40 מינוט פון דער מיטאָג־שטונדע פאַר שפּיל, פאַרווײַלונג אָדער בילדונג.

אַזוי שנעל ווי ער עסט אָפּ, לאַדט מען אים איין אויבן, אויפן צווייטן שטאָק. היינט, צום ביישפּיל, וועט דאָרטן דער אַרבעטער געפינען, אַז פראַ־

פעסאָר מוזאַלעווסקי האַלט אַ קורצע לעקציע וועגן שובערט'ן. נאָך דער לעקציע וועלן אַרויסטרעטן סאָליסטן פון דעם לענינגראַדער פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער מיט אויסצוגן פון די בעסטע ווערק פון דעם קאָמפּאָזיטאָר. פּראָפעסאָר מוזאַלעווסקי'ס לעקציע איז איינע פון אַ סעריע וועגן „אינ־סטרומענטאַלער און וואָקאַלער מוזיק פון דעם 19טן און 20טן יאָרהונ־דערט", וואָס ער האָט אָנגעהויבן מיט זעקס חדשים צוריק.

— און אַלץ אין אַ האַלבער שעה?

— יאָ, אַלץ אין אַ האַלבער שעה. און די קורצע אָבער אינהאַלטסרייכע קאָנצערטן זיינען גוט באַזוכט טאָג־איין, טאָג־אויס.

צו די לעקציעס דאַרף מען נאָך צוגעבן די אָוונט־קאָנצערטן, וואָס פלעגן אין דעם „קולט־קאָם" דורכגעפירט ווערן פון דער לענינגראַדער פילהאַר־מאָניע אונטער דער אָנפירונג פון באַרימטע סאָוועטישע און אויסלענדישע דיריגענטן, אַריינגערעכנט דעם ענגלישן אַלבערט קאָאַטס.

גיט נאָך צו די אָוונט־קאָנסערוואַטאָריע, וואו די אַרבעטער האָבן זיך געלערנט געזאַנג און שפּילן פּיאַנאָ און פידל אונטער דער לייטונג פון די בעסטע פּראָפעסאָרן פון דער פילהאַרמאָניע.

און דאָס איז ווייט ניט אַלץ. נאָך געווען די פּאַרטיי־שול; דער לאָ־קאַלער אָפּטייל פון'ם אינסטיטוט צו הויבן די קוואַליפיקאַציעס פון אינזשע־נערן און ספּעציאַליסטן; די עלעמענטאַרע אָוונט־שול, וואָס איז אַרויסגע־וואַקסן פון אַ קרייזל צו ליקווידירן בעזגראַמאָטנעקייט; די אָוונט־מיטלשול, וואו עס האָבן זיך געלערנט 500 אַרבעטער; דער שאַכמאַט און דאַמקעס (טשעקערס) קלוב; דער קורס אין טעכנישע פאָרשונגען; די טאַנץ־שולע, וואו ע ס האָבן זיך געלערנט 120 אַרבעטער; דריי אָרקעסטערס, אַ כאָר, אַ דראַמאַטישע סטודיע און דער קרייז פאַר שעפערישער ליטעראַטור — אַ שרייבער־גרופּע.

:: :: ::

און אָט איז אַ לעבנס־געשיכטע, נאָך אַ מוזיקאַלישע געשיכטע פון דער פאַבריק:

דער יונגער מעכאַניקער קאָלעשטשאַנאָוו איז געווען באַוואוסט אַלס ערשט־קלאַסיגער פּאַקס־טראָטן טענצער. ער האָט אָבער מער פון אַלץ ליב געהאַט אַרומצוטענצלען מיט די פינגער אויף דער פּיאַנאָ. האָט אים אַ טוער פון לענינגראַדער „קולט־קאָם" אַמאָל געבעטן אָנטיילנעמען אין אַ פאַר־מעסט פון אַמאַטאָרישע טאַלאַנטן.

קאָלעשטשאַנאָוו האָט אָנגענומען די איינלאַדונג. די ריכטער זיינען געווען באַרימטע מוזיק־פּראָפעסאָרן. קאָלעשטשאַנאָוו'ס אייגנאַרטיגער סטיל פון שפּילן האָט געצווינגן זייער אויפמערקזאַמקייט און זיי האָבן אים גע־בעטן קומען מאָרגן אין דער פילהאַרמאָניע.

צו דער באַשטימטער שעה האָט דער יונגער אַרבעטער מיט גרויס האַרץ־קלאַפּעניש פאַמעלעך געעפנט די טיר פון דעם גרויסן זאַל. די בעסטע

מוזיקער פון דער פילהארמאָניע האָבן שוין אויף אים געוואַרט. זיי האָבן געמאַכט אַ וואָרע פאַר דעם 23־יאָריגן יונג און אים געבעטן זיך זעצן ביי דער פרעכטיג־שיינער קאָנצערט־פּיאַנאָ.

קאָלעשטשאַנאָוו האָט אָנגעהויבן אויסשפּילן אַן אייגענע קאָמפּאָזיציע. ער אַליין האָט ווייניג געדענקט, וואָס מיט אים איז דערנאָך פּאָרגעקומען, אַזוי צעשראָקן און איבערראַשט איז ער געווען. און פּאָרגעקומען איז דאָס פאָלגנדיגע: די פּראָפעסאָרן האָבן אים געדריקט די האַנט, פּאָראויסגעזאָגט אַ גרויסע צוקונפט און מיט אים איינגעַטענה'ט, אַז ס'איז זיין פליכט זיך צו נעמען ערנסט שטודירן מוזיק. זיי האָבן אים טאַקע באַלד אויפ'ן אָרט צוגעפעסטיגט צו אַ באַרימטן פּראָפעסאָר, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט זיין מוזיקאַלישער אויסבילדונג.

די פאַבריק האָט אים אויך געגעבן עקסטרא פינף פרייע טעג אַ חודש פאַר דעם צוועק. און אין גאָר אַ קורצער צייט שפּעטער האָבן קאָלעשטשאַנאָוו'ס חברים אין דער פאַבריק געהערט שפּילן דעם לויה־מאַרש, וואָס ער האָט פאַרפאַסט נאָך קיראָוו'ס טויט.

דאָ האָט איר נאָך אַ העלד פון „אַ מוזיקאַלישער געשיכטע", ענלעך צו דער ראָלע, וואָס דער באַרימטער טענאָר לעמעשעוו שפּילט אין דעם פילם „אַ מוזיקאַלישע געשיכטע".

קאָלעשטשאַנאָוו איז בלויז איין אינצידענט אין דער געשיכטע פון דעם לענינגראַדער „קולט־קאָם". אַזעלכע קאָלעשטשאַנאָווס זיינען געווען אַ סך, אפילו אויף דער זעלבער פאַבריק. ס'איז דאָרטן געווען, צום ביישפּיל, אַן אַרבעטער שטומעל, וועלכן מ'האָט צו זיין 45טן געבורטסטאָג געמאַכט פאַר אַ מיטגליד פון דעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן. אין דער פאַבריק, האָב איך פריער פאַרגעסן צו דערמאָנען, איז נאָך אויך געווען אַן אינטערעסאַנטער קוואַרטעט מיט'ן אויסלענדישן אַרבעטער לעמקע אַלס ערשטער פידל־שפּילער, אונטער־פאָרמאַן זעגלין — צווייטע פידל, פאָרמאַן סקימאָוו —אַלטאָ, און גאָוורילאָוו פון מאַשין־צעך — טשעלאָ.

געוויינלעך פלעגט אַ יונגער סאָוועטישער אַרבעטער מיט אַמביציעס צו ווערן „אַן אָנגעזעענער, חשוב'ער מענטש" אין זיין סאָציאַליסטישן לאַנד זיך שאַפן דאָס פאָלגנדיגע בילד פון זיין צוקונפט: פון וואַרשטאַט אין ראַבפאַק (אַרבעטער־פאַקולטעט, פאַך־שול) און פון דאָרטן אין אַ טעכניקום אָדער אינסטיטוט צו ווערן אַן אינזשענער.

די דערפאַרונג פון דער פאַבריק פון אָפּטישע אינסטרומענטן איז נאָך באַזונדערס ווערטפול דערמיט, וואָס זי באַווייזט, אַז כדי צו לעבן אַ פול, רייך קולטורעל לעבן איז מער ניט קיין מוז פאַרן אַרבעטער צו בייטן זיין דזשאָב, צו פאַרלאָזן די פאַבריק. אַ סך פון די סטודענטן פון „קולט־קאָם" זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין שעפערישער אַרבעט אויף דער אייגענער אונטערנעמונג. די פאַבריק האָט געהאַט ניט נאָר אירע אייגענע קאָמפּאָזי־

טאָרן, נאָר אין די פאַרשיידענע צעכן האָבן זיך אויך געפונען שרייבער, שוישפּילער, מאָלער און אַלערליי קינסטלער.

אַ ליטעראַרישע געשיכטע

נאָכאַמאָל: קאָלעטשאַנאָוו איז ווייט ניט קיין איינצלנער פאַל, קיין אויסנאַם פון דעם כּלל. ער איז אין אַ געווויסן זין אַ סימבאָל, פאַרקערפּערט אַ טענדענץ. איך קען אייך דאָס אפילו באַווייזן אויפן ביישפּיל פון מיין איי־גענער שוועסטער.

זי האָט געאַרבעט אויף דער מינסקער ניי־פאַבריק „אָקטיאַבער". דאָרטן איז דערשינען עטלעכע מאָל אין וואָך אַ פאַבריק־צייטונג, אַן אַזוי־גערופענע פּילטיראַזשקע. די צייטונג איז דערשינען אויף ווייסרוסיש און אידיש, די שפּראַכן פון די אַרבעטער אויף דער פאַבריק.

מיין שוועסטער האָט זיך אַלץ מער אויסגעצייכנט, זיך געספּראָוועט מיט אַלץ ערנסטערע, מער־פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבן ביז זי איז באַ־שטימט געוואָרן אַלס אָפיציעלער געהילף־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. אין דער זעלבער צייט האָט זי נאָך אַלץ געאַרבעט צוזאַמען מיט די אַנדערע פון איר צעך ביי די ניי־מאַשינעס. דער רעדאַקטאָר אַליין איז פריער אויך גע־ווען אַ געוויינלעכער שניידער־אַרבעטער פון דער פאַבריק.

דערנאָך האָט זיך געמאַכט, אַז דעם רעדאַקטאָר האָט מען געוואָלט מיט דער צייט אוועקשטעלן ביי אַן אַנדער וויכטיגער אַרבעט. האָט די פאַב־ריק־פאַרוואַלטונג באַשלאָסן, אַז מיין שוועסטער זאָל צוגעגרייט ווערן צו קענען פאַרנעמען דעם פּאָסטן פון רעדאַקטאָר.

קורץ: די פאַבריק האָט אויסגע׳פּועל׳ט פאַר איר אַ פּלאַץ אין דער מאָסקווער „הויכשול פון דער טרעיד־יוניאָן באַוועגונג" („וויסשאַיאַ שקאָלאַ פּראָפ־דוויזשעני"), וואו זי האָט געלערנט דריי יאָר צייט. זיך בלויז געלערנט און ניט געאַרבעט. די „אָקטיאַבער" האָט די גאַנצע צייט פאַר איר רעגו־לער געצאָלט אַ געהעריגע סומע יעדן חודש. און נאָכ׳ן גראַדויִרן האָט די פאַבריק זי צוריק אַרויסגעפאָדערט פון מאָסקווע קיין מינסק, וואו זי איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. די פאַבריק האָט אויף אַזאַ אופן ניט נאָר אַרויסגעגעבן איר אייגענעם קוואַליפיצירטן טעכנישן פּערסאָנאַל, נאָר אויך אירע אייגענע גייסטיג־אינטעלעקטועלע טוער און אָנפירער. און דערמיט אַלץ מער אָפּגעשאַפט דעם אונטערשייד צווישן פיזישער און גייס־טיגער אַרבעט.

ס׳איז אמת, אַז ניט אַלע פאַבריקן קאָנען אָנווייזן אויף אַזעלכע וואונ־דערלעכע קולטור־דערגרייכונגען, ווי דער זאַוואָד פון אָפּטישע אינסטרו־מענטן. אויך זיינען אפילו דאָרטן, ווי אין יעדער פאַבריק, נאָך געווען אַר־בעטער, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַ קנאַפּן אינטערעס פאַר מוזיק, ליטע־ראַטור אָדער פּלאַסטישער קונסט.

איין זאך איז אָבער זיכער: אַלץ מער ארבעטער האָבן ארויסגעוויזן א כסדר־שטייגנדיגן אינטערעס צו קולטור און קונסט.

אין דער פאַבריק פון אָפּטישע אינסטרומענטן האָבן מיר געזען דעם וואוקס פון דער נייער סאָוועטישער פּראָלעטאַרישער אינטעליגענציע, פון די בחורים און „מיידלעך פון לענינגראַד", ווי פון די שפּעטערדיגע פאַר־טיידיגער פון דער באַלאַגערטער סטאַלינגראַד, פון די „סאָוועטישע מענטשן, וואָס קענען פירן מלחמה פערציג גראַד אונטער נול"...

דער אויטאָר, די שוועסטער פון מינסק שרה און זיין פרוי פּרענסים (אונטן) אין מאָסקווע, 1934

טשעכאָוו און טאַגאַנראָג

און ווידער האָבן די צייטונגען אַרויסגעקראָקעט דעם שטאָל־האַרטן נאָמען טאַגאַנראָג, אַ סאָוועטישע שטאָט ביים אַזאָווער ים, וואָס איז פאַר־נומען געוואָרן פון די נאַציס נאָך בלוטיגע שלאַכטן.

35,000 נאַצי־טרופּן זיינען געפאַלן אין דער שלאַכט פון טאַגאַנראָג, האָט מאָסקווע געמעלדעט. עס איז דאָרטן אויסגעקומען צו פירן בלוטיגע שלאַכטן פאַר יעדער גאַס, פאַר יעדן הויז, פאַר יעדן שפּאַן ערד, האָט בערלין צוגעגעבן.

דעם אידישן עולם האָט דער נאָמען טאַגאַנראָג ווייניג דערציילט. געוויס האָבן זיך געפונען אַ סך אידן אויך אין יענער שטאָט. אָבער זי איז זיכער ניט געווען קיין אידישע שטאָט אין דעם זין, ווי אַ מינסק, קיעוו, צי אָדעס.

איך האָב זיך אָבער דערמאָנט, אַז פאַר׳ן אוועקפאָר פון סאָוועטן־פאַר־באַנד איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אין דער סאָוועטישער פּרעסע וועגן ספּעציעלע טשעכאָוו־פייערונגען אין טאַגאַנראָג. דער וועלט־באַרימ־טער רוסישער שרייבער טשעכאָוו, וואָס האָט געהאַט אַזאַ גרויסן איינפלוס אויף אַ סך אידישע שריפטשטעלער, אַריינגערעכנט אברהם רייזען, פּרץ, שלום־עליכם און בערגעלסאָן, איז געבוירן געוואָרן אין טאַגאַנראָג. טשע־כאָוו האָט אָט־די צוריקגעשטאַנענע רוסישע פּראָווינץ־שטאָט פאַראייביגט אין זיינע ווערק. זי איז אַדאַנק טשעכאָוו׳ן געוואָרן אַ שם־הכולל, אַ קאָלעקטיווער סימבאָל פון אַלע צוריקגעשטאַנענע רוסישע פּראָווינץ־שטעט אונטער׳ן צאַרישן רעזשים. טאַגאַנראָג איז געוואָרן ביי טשעכאָוו׳ן ווי יעהופּעץ, גלופּסק אָדער קאַבצאַנסק אין דער אידישער ליטעראַטור.

די טשעכאָוו־פייערונגען אין טאַגאַנראָג זיינען דעריבער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלער געשעעניש, ווי אַ סימבאָל פון די גוואַלדיגע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין טאַגאַנראָג, ווי אין אַלע ענלעכע רוסישע פּראָווינץ־שטעט אונטער דער סאָוועטן־מאַכט.

אַ סך ביטערע שורות האָט טשעכאָוו געשריבן וועגן טאַגאַנראָג, וואו עס זיינען אַריבער זיינע קינדער־יאָרן, זיין יוגנט. אינ׳ם יאָר 1887 האָט ער געשריבן זיין שוועסטער:

„...איך האָב זיך געקענט איבערצייגן, ווי שמוציג, פּוסט, פויל, בעז־גראַמעטנע און סקוטשנע עס איז טאַגאַנראָג. ניטאָ קיין איין גראַמעטנע

שילד (וויוועסקע) און פאַראַן אַפילו „טראַקטיר ראַסיאַ" (אַפילו דאָס וואָרט „ראַסיאַ", ווייזט דאָרט טשעכאָוו, איז ניט ריכטיג אויסגעלייגט. אגב באַקומט זיך דערפון טשעכאָוו'ס אַ סימבאָלישע כאַראַקטעריסטיק פון דער צאַרישער רוסלאַנד, ווי אַ בעזגראַמעטנער „טראַקטיר" און שענק), די גאַסן זיינען וויסט; די פּנים'ער פון די רייכע — אָפּגעפּרעסענע, צו־פרידענע; פּראַנצן אין לאַנגע מאַנטלען און קאַרטוזן, קאַוואַליערן, באַריש־ניעס; אָפּגעליעפּעטע שטוקאַטורקע, אַלגעמיינע פוילקייט, דאָס קענען זיך צופרידנשטעלן מיט גראָשנס און אַן אומבאַשטימטער צוקונפט — דאָס אַלץ איז אויגנשיינלעך אַזוי ווידערוויליג..."

און טשעכאָוו רופט אויס מיט ביטערקייט:

„כ'האָב ניט ליב די טאַגאַנראָגישע געשמאַקן, קאָן זיי ניט אַריבער־טראָגן און וואָלט, דוכט זיך, פון זיי געלאָפן אין עק וועלט..."

ס'וואָלט געווען פאַלש צו זאָגן, אַז טשעכאָוו'ס שנאה האָט געטראָגן אַ צופעליגן כאַראַקטער. ניין, דאָס איז געווען דער האַס פון אַ גרויסן שריפטשטעלער צו דער געמיינהייט און אומווירדיגקייט פון פּראָווינץ־לעבן אונטער'ן צאַרישן רעזשים. די טאַגאַנראָגער טעמעס גייען דורך ווי אַ פירנדיגער מאָטיוו אין טשעכאָוו'ס שאַפן, ווייל ער איז געווען דער גרעסטער מייסטער פון דער אַזוי־גערופענער פּראָווינץ־טעמע.

און ניט צופעליג איז דער לערער פון דער טאַגאַנראָגער גימנאַזיע געוואָרן דער מאַטעריאַל פאַר טשעכאָוו'ס באַרימטן טיפּ פון „מענטש אין אַ שייד" — בעליקאָוו.

טשעכאָוו האָט פיינט געהאַט און מורא געהאַט פאַר די פּוסטע און פאַלשע בעליקאָווס ,ווייל זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם שרעקלעכן סימבאָל פון דער גאַנצער דעמאָלטדיגער לעבנס־אָרדענונג.

„דער מענטש אין אַ שייד" רופט זיך איבער מיט אַן אַנדער אויס־געצייכנט ווערק פון טשעכאָוו'ן „פּאַלאַטע נומער 6", וואָס איז אויך אָנגע־שריבן געוואָרן אויף טאַגאַנראָגער מאַטעריאַל. איין און איינציגער פריי־דענקענדיגער מענטש איז געווען אין שטאָט, נאָר אויך אים האָבן די בעליקאָוו'ס זיך געאיילט צו פאַרשרייען אַלס משוגע'נעם.

טשעכאָוו האָט געטרוימט וועגן אַנטלויפן אין עק וועלט פון די טאַגאַנ־ראָגער געשמאַקן. זיינע העלדן האָט געצויגן קיין מאָסקווע, נאָר אויך דאָרטן איז דאָך געווען גאָר ניט פויגלדיג. דער איינציציגער אויסוועג איז דעמאָלט געווען דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף. כאָטש טשעכאָוו איז זיכער געווען אַ פּראָגרעסיווער שרייבער און פיינט געהאַט אַלץ וואָס איז געמיין בתכלית השנאה, איז ער אָבער קיין רעוואָלוציאָנער ניט געוואָרן אין דעם פּראָלעטאַרישן זין פון דעם וואָרט. און דערין איז געווען די טראַגעדיע פון זיין שאַפונג.

די טשעכאָוו־פייערונגען זיינען דורכגעגאַנגען אונטער'ן לאָזונג „פון טשעכאָוו'ס שטעטל — צום סאָציאַליסטישן טאַגאַנראָג". די באַשריי־

בונגען פון די פיערונגען האָבן אויף מיר געמאַכט אַזאַ איינדרוק, אַז איך האָב אין מיין נאָטיץ־בוך דעמאָלט פאַרצייכנט אַ צאָל פון די וויכטיגסטע ענדערונגען אין טשעכאָוו׳ס טאַגאַנראָג, וואָס איך וועל דאָ פּרואוון איבער־געבן. טשעכאָוו וואָלט די סאָוועטישע טאַגאַנראָג זיכער ניט דערקענט. אַזעלכע קאָלאָסאַלע ענדערונגען!

טשעכאָוו פלעגט דערציילן וועגן די שרעקלעכע בלאָטעס און שמוץ אין זיין געבורט־שטאָט, וועגן מיסט־הויפנס אין סאַמע מיטן שטאָט — און אין דעם סאָוועטישן טאַגאַנראָג וואָלט ער געפונען אַספאַלט, בלומען און סטאַטוען, קאָפּיעס פון די בעסטע מוסטערן פון איטאַליענישער און גריכישער סקולפּטור. 120 סטאַטועס האָט מען איינגעקויפט אין מאָס־קווער מוזיי פון פּלאַסטישער קונסט און זיי צעשטעלט איבער דער שטאָט. פון סאָטשי האָט מען אַראָפּגעבראַכט סוב־טראָפּישע פּלאַנצן און פון איזיום אַלטע בוימער. אָט־דאָס איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער נייער סאָוועטישער קולטור.

אָבער מער פון אַלץ איז מיר געפעלן געוואָרן דער פאָלגנדיגער דעטאַל פון דער סאָוועטישער טאַגאַנראָג. איך האָב געלייענט, אַז אויף דעם סטאַ־לין־זאַוואָד האָט מען דערעפנט נייע יאַסליעס פאַר קינדער. דאָס איז אָבער געווען אַן אמת׳ער קינדער־פּאַלאַץ, אויסגעשטאַט לויט׳ן לעצטן וואָרט פון דער מעדיצינישער און פּעדאַגאָגישער וויסנשאַפט. דער פּאַלאַץ האָט אָפּגעקאָסט דעם זאַוואָד אַרום אַ מיליאָן רובל. 1,000,000 רובל פאַר קינדער־יאַסליעס! אמת, שפּעטער האָבן מיך שוין אויך אַזעלכע זאַכן ניט פאַרוואונדערט, ווייל אַזעלכע קינדער־פּאַלאַצן האָט מען געבויט כמעט אין יעדער סאָוועטישער שטאָט. און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער גרויסער זאָרג פאַר די קינדער, פאַר׳ן נייעם דור.

ביי מיר איז פאַרצייכנט, אַז אין טאַגאַנראָג האָבן זיך דעמאָלט, נאָך מיט אַ זיבן יאָר צוריק, געפונען 26 פאַבריקן, הויכשולן, קלובן און קולטור־פּאַרקן. די שטאָט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בליענדיגן גאָרטן. און וואָס איז נאָך וויכטיגער — פון טאַגאַנראָג זיינען פאַרשוואונדן די בעליקאָווס, ווי עס זיינען פאַרשוואונדן אין די אידישע שטעט די מנחם מענדלס און סענדער בלאַנקס. עס איז אויסגעוואַקסן אַ נייער, סאָציאַליס־טישער דור, אַ נייער סאָרט אַרבעטער, אַ נייער סאָרט מענטש.

און ניט צופעליג האָב איך נאָך געפונען ביי מיר פאַרצייכנט, אַז אין דער פּראָגראַם פון די טשעכאָוו־פייערונגען אין טאַגאַנראָג זיינען אויך געווען: אַרויסטרעטונגען פון די שטאָטישע אַרבעטער אויף אַן אָלימפּיאַדע פון זעלבסט־טעטיגער קונסט, דער באַלעט פון זאַוואָד אויף סטאַלינ׳ס נאָמען און דער כאָר פון זאַוואָד אויף דימיטראָוו׳ס נאָמען אין אַריעס פון ווערדי׳ס אָפּערע „טראַוויאַטאַ״.

און אויך די אָלימפּיאַדע, דער באַלעט און כאָר זיינען כאַראַק־

טעריסטיש פאַר דער סאָוועטישער פאַבריק און פאַר׳ן נייעם סאָוועטישן אַרבעטער־מענטש.

אַט־דער בליענדיגער גאָרטן איז באַפאַלן געוואָרן פון די נאַצישע קאַניבאַלישע האָרדעס, פון דער ברוינער מגפה. און דעריבער איז פאַר מיר ניט געווען קיין וואונדער, וואָס 35 טויזנט נאַצי־טרופּן זיינען געפאַלן אין דער שלאַכט פון טאַגאַנראָג, וואָס די נאַצים איז אויסגע־קומען צו פירן בלוטיגע שלאַכטן פאַר יעדער גאַס, פאַר יעדן הויז, פאַר יעדן שפּאַן פון דער טאַגאַנראָגער ערד.

און דעריבער איז ביי מיר אויך פאַראַן די זיכערקייט, אַז אַזעלכע סאָוועטישע מענטשן, אַזעלכע סאָוועטישע שטעט, קאָן מען אויף לאַנג ניט באַהערשן און פאַרשקלאַפן. און דעריבער איז ביי מיר אויך פאַראַן דער גלויבן אין דעם אמת פון דעם סאָוועטישן פלאַקאַט, וואָס איז געווען איבערגעדרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט”: „מיר וועלן צוריקקומען!” דער היטלעריזם וועט געפינען זיין קבר אין דער מיט׳ן בלוט פון די רויטאַרמייער, פּאַרטיזאַנען, אידן און סאָוועטישע מענטשן געהייליגטער סאָוועטישער ערד.

פאַרקלענערט בילד פון פאָדערבלאַט אויף „קאַווקאַז”

כאַרקאָוו צוריקגענומען!

כאַרקאָוו צוריקגענומען!

אַט־די בשורה האָט ניט אומזיסט אַרויסגערופן אַזויפיל פרייד אין דער גאַנצער וועלט. אַט־די בשורה האָט ניט אומזיסט אַרויסגערופן אַזויפיל פרייד צווישן אידן.

דאָס צוריקנעמען כאַרקאָוו איז אַ גרויסער מיליטערישער זיג, אַ גרויסער פּאָליטישער זיג, אַ גרויסער זיג אין פאַרשיידענע הינזיכטן.

כאַרקאָוו אַסאָציאירט זיך מיט קיעוו. קניפּט זיך מיט אוקראַינע, מיט׳ן דניעפּערבוי, דאָנבאַס, אָדעס, בינדט זיך מיט די גרעסטע סאָוועטישע שטעט, מיט די גרעסטע סאָוועטישע אינדוסטריעלע און קולטורעלע צענטערס.

כאַרקאָוו איז ביז 1934 געווען די הויפּטשטאָט פון אוקראַינע, ווי פון אוקראַינישן אידנטום. די איצטיגע פרייד איז נאָך גרעסער ביי יענע, וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק צו זיין אין דער סאָוועטישער כאַרקאָוו.

מיט כאַרקאָוו זיינען ביי מיר פאַרבונדן אַ סך אינטערעסאַנטע דערינערונגען און איבערלעבונגען. אין כאַרקאָוו האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט מיט די וויכטיגסטע פאַרשטייער פון דער סאָוועטישער אידישער ליטעראַטור און קולטור. כאַרקאָוו איז געווען די ערשטע שטאָט פון מיין אָפיציעלן לעקציע־טור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין כאַרקאָוו האָב איך צום ערשטן מאָל גערעדט אַף דער אוקראַינישער מלוכה־ראַדיאָ און אַף אידיש. אין כאַרקאָוו בין איך אָנגעקומען פונקט אינם זוניגן אָקטאָבערטאָג, ווען ס׳איז אָפיציעל אַוועקגעלאָזט געוואָרן אין גאַנג דער דניעפּראָסטראָי. אין כאַרקאָוו האָב איך זיך צום ערשטן מאָל געטראָפן אַף דעם סאָוועטישן באָדן מיט אונזער אַמעריקאַנער יעקב שייפער, זאָל אים די ערד גרינג זיין.

אין אָקטאָבער 1932 בין איך געקומען צוזאַמען מיט א. פלאַטנער׳ן קיין כאַרקאָוו אויף אַן איינלאַדונג פון איציק פעפער.

לכּבוד אונזער קומען קיין כאַרקאָוו האָבן די אָרטיגע אידישע אויסגאַבן, ווי די טעגלעכע אידישע צייטונג „דער שטערן" און די „יונגע גוואַרדיע", אָרגאַן פון קאָמיוג, אַרויסגעגעבן ספּעציעלע ליטעראַרישע זייטן. „דער שטערן" האָט איבער דער גאַנצער זייט געהאַט אַ „סטרימער": „די פּראָלעטפּענאָווצעס" — אַ פּראָלעטאַרישן גרוס!" און דער „סטרימער פון דער „יונגע גוואַרדיע" האָט זיך געלייענט: „אַ קאָמיוגישן

גרוס די אידישע פּראָלעטאַרישע שרייבער און קעמפּער פון דער ווייטער אַמעריקע!" אַזעלכע זייטלעך זיינען לכבוד אונזער קומען אויך דער־שינען אין קיעוו און אָדעס, ווי אויך אין מינסק. אָבער די הויפּט־געשעע־נישן פלעגן זיין אונזערע עפנטלעכע אַרויסטרעטונג־אָוונטן. אין דער „יונגער גוואַרדיע" פון 24טן אָקטאָבער, 1932, איז דערשינען אַ באַריכט וועגן אונזער אָוונט אין כאַרקאָוו, פון וועלכן איך וועל דאָ איבערגעבן די פאָלגנדיגע אויסצוגן:

„...דעם 18טן אָקטיאַבער אויף אַן אָוונט אין זאַל „3טער אינ־טערנאַציאָנאַל" האָט זיך די כאַרקאָווער אידישע אַרבעטער־געזעל־שאַפטלעכקייט באַגעגנט מיט אונזערע געסט־מיטקעמפער — אַלעק־סאַנדער פּאָמעראַנץ און אייזיק פּלאַטנער.

„אין נאָמען פון אָרגביוראָ פון די סאָוועטישע שרייבער אויף אוקראַינע, פון רעדאַקציע „שטערן" און קלוב „3טער אינטערנאַציאָ־נאַל" עפנט דעם אָוונט און באַגריסט די געסט דער ח' פעפער.

„אַ פאָרטראַג וועגן דער שאַפונג פון די ח"ח פּאָמעראַנץ און פּלאַטנער האָט געהאַלטן דער ח' בלאָשטיין.

„דער ח' בלאָשטיין שטרייכט באַזונדערס אונטער דאָס, וואָס די סיסטעמאַטישע ליטעראַרישע אַרבעט פון ביידע דיכטער פאַלט צונויף מיט'ן געבורט פון דער „פרייהייט" — „מאָרגן־פרייהייט". ער דערציילט וועגן דעם וועג, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט. נאָכדעם האָבן די דיכטער געלייענט זייערע ווערק, וואָס זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט פון דעם גאַנצן זאַל"...

„וועגן דעם לעבן פון די אַרבעטער־מאַסן אין אַמעריקע האָבן דערציילט די ח"ח פּלאַטנער און פּאָמעראַנץ. וועגן די אַמעריקאַנער שרייבער האָט דערציילט דער ח' פּאָמעראַנץ. נאָכדעם האָבן די דיכ־טער געלייענט זייערע ווערק, וואָס זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט פון דעם גאַנצן זאַל"...

איך האָב אין כאַרקאָוו באַזוכט אַ סך גרויסע פאַבריקן, נייע שפּי־טאָלן, בילדונג־אַנשטאַלטן. איך האָב אויך געזען דעם נייעם אויפגעבויטן צענטער און קוואַרטאַל פון רעגירונגס־געביידעס. דאָרטן האָט זיך פריער געפונען דער אָפּפאַל און מיסט־פּלאַץ פון דער שטאָט. אָבער מער פון אַלץ בין איך געווען באַגייסטערט פאַר די נייע מענטשן, וואָס איך האָב באַ־געגנט אין כאַרקאָוו. און אָט־די נייע מענטשן קעמפן איצט אַזוי העלדיש אויף די סאָוועטישע פראָנטן; אָט־די נייע מענטשן האָבן עס איצט צוריקגענומען כאַרקאָוו פון די נאַצישע קאַניבאַלן, ווי זיי וועלן נעמען און צוריקנעמען קיעוו, אָדעס, מינסק, ווילנע, קאָוונע, ריגע, ביאַליסטאָק, גראָדנע און . . . בערלין.

פעברואַר 16, 1943.

די סאָוועט-רעגירונג ראַטעוועט
אַ מיליאָן אידישע פליכטלינגען

אויף דער ציוניסטישער אויסעראָרדנטלעכער קאָנפערענץ אין ניו-יאָרקער בילטמאָר האָטעל דעם 10טן מאַי, 1942, וואָס די ציוניסטן באַטראַכטן אַלס אַ היסטאָרישע, האָבן אַ סך פון די רעפערענטן און רעדנער, אָנהויבנדיג פון דר. חיים ווייצמאַן, און באַזונדערס דר. נחום גאָלדמאַן, גערעדט וועגן סאָוועטן-פאַרבאַנד אין אַ פּאָזיטיוון זין.

באַזונדערס פריידיג איז געווען צו זען, אַז אָט-די פּאָזיטיווע שטעלונג איז וואַרעם אַפּלאָדירט געוואָרן פון די מערסטע דעלעגאַטן. ווען דר. נ. גאָלדמאַן האָט דערקלערט, אַז מיר דאַרפן דאַנקען דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד פאַר דער „פריינטלעכער און ברייטהאַרציגער" באַציאונג צו די אידישע פליכטלינגען און פאַר'ן דורכפירן די עוואַקואַציע פון אַ מיליאָן אידן פון פּוילן, רומעניע און די באַלטישע מלוכות, וואָס זיינען אַנטלאָפן קיין סאָוועט-רוסלאַנד, איז ער שטאַרק אַפּלאָדירט געוואָרן פון די הונדערטער דעלעגאַטן און געסט. און גאָר אַ גרויסער טייל פון די דעלעגאַטן און געסט זיינען געווען אידישע פאָלקס-מענטשן און האָרעפּאַשניקעס.

דר. חיים ווייצמאַן האָט שבת-צו-נאַכטס ביי דער קאָנפערענץ-דערעפענונג געזאָגט דאָס פאָלגנדיגע:

„די וועלט איז פאַראינטערעסירט אין סטאַביליזאַציע און מאָדערניזאַציע נאָכ'ן קריג. אַמעריקע, ענגלאַנד און סאָוועטן-רוסלאַנד האָבן אַן אינטערעס אין דעם פּראָגרעסיוון און אָרדנונגס-אַרטיגן איבערבוי פון דער נאָך-מלחמה וועלט. ארץ ישראל, אַלס אידישע קאָמאָנוועלט, קאָן שפּילן אַ וויכטיגע ראָל אין דעם דאָזיגן איבערבוי. די מאָדערניזאַציע און פּראָגרעסיווע אַנטוויקלונג פון דעם נאָענטן מזרח, קאָן ניט דורכגעפירט ווערן אויף אַן אימפּעריאַליסטישן אופן אָדער דורך עקספּלואַטאַטאָרישע מעטאָדן פון צייטווייליגע מערב'דיגע קאָלאָניסטן, וועמעס הויפּט-אינטערעס איז דאָס רייכטום פון דער געגנט... אָט די אויפגאַבע קאָן בלויז דורכפירן אַ מערב-גרופּע, וועלכע האָלט, אַז איר אייגענע זיכערקייט, איר אייגענער וואוילזיין און אייגענער גורל זיינען פאַרבונדן מיט'ן וואוילזיין, גורל און מיט דער זיכערקייט פון אַראַבישן פאָלק. די אידן שטעלן מיט זיך פאַר דעם דאָזיגן עלעמענט".

„די פראגע איז: צי קאנען מיר דורך געאייניגטער אקציע ציען די אויפמערקזאמקייט פון אמעריקאנער פאלק, ענגלישן פאלק און רוסישן פאלק אויף די אנטשיידנדיגע עלעמענטן אין אונזער פראבלעם אין זייער ווירקונג אויף די פראבלעמען פון וועלט־סטאביליזאציע". די הויפט־זאך, האט דר. ווייצמאן פארענדיגט, איז „צי קאנען מיר דעמאנסטרירן א גרייטקייט צו נעמען אויף זיך די פאראנטווארטלעכקייט צו לייזן די אידישע נאך־מלחמה פראבלעם אויף א שטייגער, וואס זאל הארמאנירן מיט די נויטן און האפענונגען פון דער גאנצער נאך־מלחמה וועלט?"

אויף וויפיל מיר איז באקאנט, האט אבער מער פון אלע גערעדט וועגן דעם סאוועטן־פארבאנד דר. נחום גאלדמאן, דער מיטגליד פון דער אלוועלטלעכער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און פאר לאנגע יארן דער פארשטייער פון דער אידישער אגענטור פאר פאלעסטינע ביי דער פעלקער־ליג אין זשענעווע.

„ס'איז א גליק" — האט אויסגערופן דר. גאלדמאן — „וואס א מיליאן אידן פון פוילן, רומעניע און די באלטישע מלוכות זיינען אנט־לאפן קיין סאוועט־רוסלאנד. אבער היטלער האט דאך אקופירט סאוועט־טישע טעריטאריעס מיט א ריזיגער אידישער באפעלקערונג. די סאוועטי־שע רעגירונג איז געווען גוט גענוג צו עוואקואירן א סך אידן, מער ווי נישט־אידן, פון די דאזיגע געגנטן, איידער דער פארדארבער איז געקומען. מיר דארפן דערפאר אויסדריקן אונזער דאנק צו סאוועט־רוסלאנד".

סאוועט־רוסלאנד וועט נאכ'ן קריג און זיג ווערן איינע פון די גרעסטע וועלט־מאכטן מיט פיר מיליאן אידן; סאוועט־רוסלאנד איז פאראינטערעסירט אין די אידן, דארף מען זיך רעכענען מיט דעם דא־זיגן כח און זען געווינען די פריינטשאפט פון סאוועט־רוסלאנד, האט דר. גאלדמאן דערקלערט.

רעאקציאנערער ציוניזם וועט ניט קענען עקזיסטירן. מיר מוזן זיך באטייליגן אין קאמף פאר דער נייער וועלט געגן דער אלטער, האט ער געזאגט, און מיט דער הילף פון אמעריקע, ענגלאנד און סאוועט־רוס־לאנד וועלן מיר קומען צום ציל.

— מיר דארפן אלץ טאן, ניט אויפגעבנדיג אונזערע פרינציפן — האט ער געזאגט — צו פאראינטערעסירן דעם סאוועטן־פארבאנד אין פאלעסטינע, צו שאפן וואס גיכער א דערנעענטערונג מיט סאוועט־רוס־לאנד און זען, אז מ'זאל דארטן פארשטיין, אז פאלעסטינע איז ניט נאר א נאציאנאלער, נאר אויך א סאציאלער עקספערימענט. און שרעקט מיך ניט מיט'ן קאמוניזם — האט גאלדמאן אויסגערופן.

ער האט פונדעסטוועגן נאך אליין ווידערהאלט געוויסע פאראור־טיילן געגן סאוועט־רוסלאנד, ווי „קאמוניסטישע אסימילאציע". אבער א גרויסן איינדרוק האט געמאכט דר. גאלדמאנ'ס רוף צו דאנקען דעם סא־וועטן־פארבאנד פאר דער פריינטלעכער און ברייטהארציגער („קאינד ענד

דזשענעראָום") באַציאונג צו די הונדערטער טויזנטער אידישע פּליכט־לינגען, צו „געבן קרעדיט" דער סאָוועטן־רעגירונג פאַר׳ן דורכפירן אַזאַ קאָלאָסאַל־שווערע און גראַנדיעז־הומאַניטאַרע אויפגאַבע, ווי די עוואַקו־אַציע און דאָס ראַטעווען פון אַ מיליאָן אידן פון פּוילן, רומעניע און די באַלטישע לענדער און פון די סאָוועטישע ראַיאָנען, וואָס היטלער האָט פאַרנומען.

אין דער ציוניסטישער באַוועגונג זיינען זיכער פאַראַן יחידים, וואָס האָבן נאָך עד־היום ניט קיין פּאָזיטיווע שטעלונג צום סאָוועטן־פאַר־באַנד. מיר האָבן אַזוינס געפונען אין אַ „נייעס־בריוו", וועלכער איז פאַרטיילט געוואָרן פּריוואַט צווישן די דעלעגאַטן. דאָס איז געווען אַ שריפט פון מאיר גראָסמאַן, דער פאַרשטייער פון דער אַזוי־גערופענער „אידנשטאַט פּאַרטיי", וועלכע ווערט באַטראַכט אַלס רעוויזיאָניסטיש. דאָרטן רעדט ער וועגן דער „איינזייטיגקייט" פון דעם קאָנטאַקט מיט סאָוועט־רוסלאַנד און חזר׳ט איבער אַ שיין ביסל אַלטע פאַראורטיילן.

נאָר אפילו מאיר גראָסמאַן איז געווען געצוואונגען צוצוגעבן, אַז „דער סך־הכל וואָלט ניט געשטימט אַקוראַט, אויב מ׳זאָל ניט פאַר־צייכענען די אויפריכטיגע באַמיאונגען פון דער סאָוועט־רעגירונג צו באַקעמפן ראַסן־שנאה און אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווערן פאַרשפּרייט פון נאַצי־אַגענטן. דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן אַ סך פאַלן פון אַרויסגעווי־זענעם גוטן ווילן, ווי אַ באַשלוס צו דרוקן 30 מיליאָן ביכער פון אידישע שרייבער, וועמעס ווערק די נאַציס האָבן פאַרניכטעט אָדער די כסדר־דיגע אונטערשטרייכונגען פון דער אידישער איבערגעגעבנקייט צו דער פאַרטיידיגונג פון דעם פאָטערלאַנד".

פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיע פון אַנטי־סאָוועטיזם

דער אַפּריל־נומער פון „איקוף"־זשורנאַל עפנט זיך מיט דעם וואָגיגן און זייער צייטיגן אַרטיקל פון דר. חיים זשיטלאָווסקי „אין אונזער אי־דישער וועלט". דאָס איז ווי אַ פאָרזעצונג פון דעם וויכטיגן אַרטיקל: „די פּסיכאָ־פּאַטאָלאָגיע פון אַנטי־סאָוועטיזם אויף דער אידישער גאַס" פון ב. צ. גאָלדבערג, מיט וועלכן עס האָט זיך דערעפנט דער פריערדיגער נומער „אידישע קולטור". אויף דערזעלבער טעמע איז אין אַפּריל נומער דאָ דער אַרטיקל „וועגן דער רעאַקציע אויף דער אידישער גאַס" פון ש. סעקולער. און ניט אומזיסט ווערט דעם ענין געשענקט אַזוי פיל אויפמערק־זאַמקייט. דאָס איז איצט די צענטראַלע, ברענענדיגסטע פראַגע „אין אונ־זער אידישער וועלט".

דר .זשיטלאָווסקי'ס אַרטיקל איז פון באַזונדערער וויכטיגקייט, ווייל ער מאַכט דאָרטן אויספירן אויפן סמך פון זיין נסיעה איבערן לאַנד. „ער האָט באַזוכט עטלעכע וויכטיגע שטעט מיט גרויסע אידישע ישובים און געהאַט געשפּרעכן מיט מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען". ער גיט דאָרטן איבער „וועגן די שטימונגען אין דער אידישער וועלט, באַזונדערס וועגן דער ענדערונג אין דער שטעלונג צו ראַטנלאַנד, זינט דעם אויסברוך פון דעם דייטש־ראַטלענדישן קריג".

ער קאָנסטאַטירט דעם פאַקט, אַז די ה ע ר ש נ ד י ג ע שטימונג אין דער „אַלטער אָרטאָדאָקסאַל־פרומער וועלט, דער רוב מנין פון אונזער פאָלק", איז געוואָרן אַ מער פ ר י י נ ט ל ע כ ע צו ראַטנלאַנד און ווערט אַלץ מער און מער פריינטלעכער ניט נאָר צו דער רויטער אַרמיי, וואָס גיט די גאָר געראָטענע קלעפּ דעם פיינטלעכן חייל, נאָר אויך צו דער ר ע ג י ר ו נ ג , דער סאָוועטישער און אויך צו סטאַלינ'ען, וואָס שטייט אויף דעם שפּיץ פון דער רעגירונג".

און דר. זשיטלאָווסקי זאָגט מיט רעכט, אַז „אונזערע גרויסע רעליגיעז־פרומע פאָלקס־מאַסן פאַרשטייען ניט דעם סאָפיזם פון אונזערע ראַדיקאַלע רעכטיסטן, וואָס ווילן זיין גוט־ברודער מיט די רויטע אַרמייען און אויף שטעך־מעסערס מיט דער סאָוועטישער רעגירונג. מיט דעם גע־זונטן שכל הישר פאַרשטייט אונזער רעליגיעז־פרומע וועלט, אַז ניט די רויטע אַרמייער האָבן געשלעפּט פאַרן קאָלנער די גענעראַלן אין קריג אַריין, און אַז אויך די גענעראַלן האָבן ניט געקלאַפּט מיט די פויסטן איבערן טיש פאַר סטאַלינ'ען : „שיק אונז אין קריג, דו אַזוינער און אַזעלכער! אַניט, הענגען די רויטע אַרמייער אונז אַלעמען אויף!" און זי מוז קומען צום איינציגן לאָגישן אויספיר, אַז „ א י ן א ז א ק ר י ג זיינען די ראַט־לענדערישע פעלקער, די רויטע אַרמייער, די רויטע גענעראַלן, די רויטע רע־גירונג און דער רויטער סטאַלין אַבסאָלוט און אין אַלע נויטיגע פּרטים — איינס!"

„און ערנסטע טעמים פאַר אַ גאָר פריינטלעכער שטעלונג צו ראַטנ־לאַנד האָט אויך די א ל ג ע מ י י ן ־ ציוניסטישע וועלט, וואָס ווערט טאַקע איצטער אַלץ מער און מער פריינטלעך." אַן ענדערונג, נאָר צום ע ר ג ע ר ן , — זאָגט דר. זשיטלאָווסקי, — איז אָבער פאָרגעקומען „ביי די ראַדיקאַלע ריכטונגען פון אונזער „רעכטיסטישן" לאַגער! ביי דעם „אַרבעטער־רינג — נאַטירלעך ניט אין זיינע פּראָגרעסיווע ברענטשעס, ביי „פאָרווערטס"־לייט, ביי דעם „נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד" און די „פּועלי ציון־צעירי ציון", ווי אויך ביי אַלע „מיטלויפער" פון אָט די אַלע ריכטונגען".

און זשיטלאָווסקי איז טויזנט מאָל גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז „אָט־די פאַרשאַרפטע גיהנומ'שע שנאה צו דעם „לינקן" לאַגער איז דער ג ר ע ס ־ ט ע ר א ו מ ג ל י ק פאַר אונז". און אַז „מען מוז פּטור ווערן פון

דעם ב ר ו ד ע ר ־ק ר י ג אין דער אידישער ארבעטערשאַפט און דער אידיש־סאָציאַליסטישער וועלט", ווייל זי שטייט אין וועג דער אבסאָלוט נויטיגער א י י נ ה י י ט ל ע כ ק י י ט פון אונזער אידישער שטעלונג צו ראַטנלאַנד אין דער איצטיגער צייט, מוזן מיר דאָך איצטער פאַרבינדן מיט ראַטנלאַנד אַלע אונזערע ליכטיגסטע האָפענונגען פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט בכלל און פאַר דער צוקונפט פון אונזער אידישן פאָלק בפרט."

מיר וואונדערן זיך פונדעסטוועגן, וואָס ביי דר. זשיטלאָווסקי'ן האָבן זיך דורכגעריסן עטלעכע באהויפּטונגען, וועלכע זיינען שוין לאַנג אָפּגע־לייקנט געוואָרן דורך די פאַקטן פון דער סאָוועטישערווירקלעכקייט. ער ווידערהאָלט אָן אַלטן פאַראורטייל, אַז „אין דעם פּרט פון באוואוסטזיניגן נאַציאָנאַליזם, פון באוואוסטזיניגער זאָרג פאַר דער ווייטערדיגער נאַציאָ־נאַלער עקזיסטענץ און פרייער נאַציאָנאַלער אנטוויקלונג פון דעם אייגענעם פאָלק זיינען די אידישע קאָמוניסטן געשטאַנען ווייט הינטער די אינטעלי־גענציעס פון אַלע אַנדערע ראַטנלענדערישע פעלקער". ער זאָגט אויך אין זעלבן גייסט, אַז „אַפילו צו דער אידישער קולטור איז די שטעלונג פון דער דאָרטיגער אידישער אינטעליגענץ געווען העכסטנס אַ נייטראַלע" און רעדט אין אַנאַנדער פּלאַץ וועגן „לאַנג אונטערדריקטע נאַציאָנאַלע געפילן", כאָטש ער שטעלט פעסט, אַז „אין פאַרבינדונג מיט דעם קריג אַנטגעגן היטלער'ן איז אויפגעקומען גאָר אַ וויכטיגע ענדערונג אין דער שטעלונג פון דער אידישער ראַטלענדערישער אינטעליגענציע".

נו, מיר קאָנען דאָ ניט אויסרעכענען דעם שלל מיט אויפטוען פון דער סאָוועטישער אידישער אינטעליגענץ פאַר דער אידישער קולטור, פאַר דער אידישער ליטעראַטור, וויסנשאַפט ,א .אַז. וו. זיי זיינען גוט באַקאַנט. און דאָס האָט ניט געקאָנט קומען פון אַ „נייטראַלער שטעלונג". ס'איז אמת, אַז צווישן דער סאָוועטישער אידישער אינטעליגענץ, ווי צווישן דער אידישער אינטעליגענץ אויסער'ן סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען געווען טענדענצן פון ביידע עקסטרעמען, אָבער זיי זיינען געווען בלויז די אָפּנויגן פון דער אַל־געמיינער אידיש־קאָמוניסטישער ליניע, די אויסנאַמען פון דעם כלל, אַזוי צו זאָגן. און וואָס זיינען געווען די אידישע פּראָדוקטיוויזאַציע, קאָלאָני־זאַציע, די אידישע ראַיאָנען, בירא־בידזשאַן, אויב ניט דער רעזולטאַט „פון באוואוסטזיניגער זאָרג פאַר דער ווייטערדיגער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און פרייער נאַציאָנאַלער אנטוויקלונג פון דעם אייגענעם פאָלק" ?

און לאָמיר ביי דער געלעגנהייט דאָ אויך פאַרצייכענען דעם פאַקט, וועלכן מרמר דערמאָנט אין זיין אַרטיקל, אַז אויף איינער פון זיינע לעצטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אין ניו יאָרק, האָט ווינטשעווסקי אויסגערופן מיט אַלע זיינע כחות :

„ווער עס איז געגן סאָוועט־רוסלאַנד, דער איז מיין שונא !"

די בריק פון אידישער אייניגקייט

אייניגקייט פון די אמעריקאנער אידן
מיט די סאוועטישע אידן!
העלפט בויען די בריק פון אידישער
אייניגקייט!

„צו העלפן בויען די בריק פון אייניגקייט מיט אלע טיילן פון אידישן פאלק מיט דעם צוועק צו העלפן דערגרייכן א באלדיגן נצחון איבער דעם שונא און זיך צוגרייטן פאר דעם ווידער־אויפבוי פון די חרוב־געווארענע אידישע ישובים" — איז געווען דער צוועק פון דעם היסטארישן אייניג־קייט־קאנגרעס און דער פאלקס־דעמאנסטראציע, וואס זיינען אפגעהאלטן געווארן זונטאג, דעם 29טן נאוועמבער, 1942, אין קארנעגי האל.

אט צו דער דרינגענדיגער אויפגאבע אין דער איצטיגער הרת־עולם־שעה פאר'ן אידישן פאלק האט די אנגענומענע דעקלאראציע פון דעם פארזאמלטן עולם, פון די פארשטייער פון נאענט צו 800 ארגאניזאציעס און לאנדסמאנשאפטן, גערופן „אלע אידן אין אמעריקע, אן אונטערשייד פון איבערצייגונג, און אלע אידישע ארגאניזאציעס און אינסטיטוציעס פון אלע ריכטונגען".

אז ס'איז די אויפגאבע פון די אמעריקאנער אידן און די אידן פון סאוועטן־פארבאנד, ווי די גרעסטע אידישע קיבוצים אין דער וועלט, צו ארבעטן אייניג, פאראייניגט, האט אין האנט פאר דער לייזונג פון דער אידישער פראבלעם, איז אונטערשטראכן געווארן כמעט אין אלע רעדעס פון די פארשטייער פון די פארשיידענע שיכטן און ריכטונגען אין אידישן לעבן, פון ארטאדאקסן און קאמוניסטן, פון ציוניסטן און סאציאליסטן.

אויף דעם קאנגרעס האט זיך צום ערשטן מאל ארויסגעוויזן דער אנהויב פון אן אמת'ן נאציאנאלן אידישן פראנט, פון א גרויסער נא־ציאנאלער אייניגקייט אין אנגעזיכט פון דער גרעסטער נאציאנאלער געפאר פאר'ן קיום פון גאנצן אידישן פאלק. דערמיט איז ער געווען היסטאריש. אויף דעם קאנגרעס, וואס איז גערופן געווארן פון דעם איינשטיין־זשיטלאווסקי קאמיטעט פון איבער 200 פראמינענטע אמעריקאניש־אידישע שרייבער, קינסטלער און געלערנטע, האט מען צום ערשטן מאל געהערט א מעסעדזש פון דר. חיים ווייצמאן, פרעזידענט פון דער ציוניס־

טישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און פון דער אידישער אַגענטור פאַר פּאַ־לעסטינע. די ציוניסטישע פירער געפינען זיך אין דער איינינקייט־באַוועגונג!

דער צוזאַמענקונפט איז געווען זייער אַ פייערלעכער און שטימונגס־פולער, כאָטש די פרייד מיט די זיגן פון דער רויטער אַרמיי און מיט די זיגן פון די אַרמייען פון די פאַראייניגטע מלוכות איז געווען אויסגעמישט מיט'ן צער און צאָרן, מיט'ן טיפסטן ווייטאָג איבער דעם טראַגישן גורל און די ליידן פון די אידן אין אייראָפּע. גלייכצייטיג האָט מען אָבער אויך געפילט אַ גוואַלדיגן דראַנג פון די פאַרזאַמלטע פאָלקס־מענטשן צו טאָן אַלצדינג אָפּצושטעלן די הענט פון די נאַצישע קאַניבאַלן.

אויפ'ן מיטינג זיינען געווען אַ סך פייערלעכע, דראַמאַטישע מאָ־מענטן. די הויכפּונקטן פון דער היסטאָרישער פאַרזאַמלונג זיינען געווען די ספּעציעלע מעסעדזשעס פון דעם אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט און פון דר. חיים וויצמאַן, ווי אויך די רעדעס פון ראַבאַי יוסף ה. לוקשטיין, פּרעזידענט פון דעם ועד הרבנים פון אַמעריקע און באַוואוס־טער ציוניסטישער פירער, פון שלום אש, דר. איזראַעל גאָלדשטיין, ציוניסטישער פירער און ראַבאַי פון טעמפּל „בני ישורון", ב. צ. גאָלדבערג, ראובן זאַלצמאַן, ל. קוסמאַן, ש. ערדבערג, י. ב. ביילין, מאַקס פּערלאָוו, וויליאַם עדלין, פון דעם סאָוועטישן גענעראַל־קאָנסול פּעדיושין און אַנדערע.

פול מיט טראַגיק און קינסטלעריש־דראַמאַטישער קראַפט איז געווען די רעדע פון דעם שריפטשטעלער שלום אש. ער האָט מיט זיינע אַרויס־טרעטונגען פון דער לעצטער צייט באַוויזן, אַז ער פאַרמאָגט אַ סך מוט און מענטשלעכע ניט נאָר קינסטלערישע גרויסקייט. ער האָט באַוויזן, אַז ער קאָן גיין אויך געגן שטראָם און קאָן אויך ברענגען אַלערליי קרבנות פאַר אַן אידעאַל. עס פאָדערט זיך אַ סך מוט פאַר אַזאַ קינסטלער צו דערקלערן עפנטלעך, אַז ער האָט לאַנגע יאָרן געגרייזט און געמאַכט אַ סך טעות'ן אין זיין באַציאונג צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. און דאָס וואַרפט שוין אַ ניי ליכט אויך אויף זיינע פריערדיגע דראַמאַטישע אַרויסטרע־טונגען אין עפנטלעכן לעבן.

שלום אש האָט דערקלערט, אַז היטלער האָט זיכער פיינט די פּאָ־ליאַקן, צי די אוקראַינער און אַנדערע פעלקער ניט ווייניגער פון די אידן. און דאָך וואָלט היטלער ניט געוואַגט צו טאָן אַזעלכע אומדער־הערטע אוממענטשלעכע בעסטיאַליטעטן געגן אַנדערע פעלקער. דאָס איז דערפאַר, האָט אש געזאָגט, ווייל אין אַלע לענדער איז נאָך פריער געווען אַ סך אַנטיסעמיטיזם, ווייל די וועלט איז געווען פאַרגעבריים פאַר היטלער'ן און די וועלט וואָלט דאָס קיינמאָל ניט געלאָזט טאָן צו קיין אַנדער פאָלק. און נאָר איין לאַנד, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז געווען אַן אויסנאַם. נאָר דאָרטן, זאָגט ער, האָט פּאַסירט דער וואונדער, אַז בלויז אין 25 יאָר

סאָוועטן־מאַכט זיינען פאַרשוואונדן אַלע פאַרדאַרבענע זייטן פון דעם פאָר־רעוואָלוציאָנערן צאַרישן רוסלאַנד, אַריינגערעכנט דער אַנטיסעמי־טיזם, די פּאָגראָמען, א. אז. וו. בלויז פון איין לאַנד האָבן מיר ניט געהערט דעם חיה׳שן ברום פון אַנטיסעמיטיזם, — עס האָט זיך דאָרט געהערט איין גרויסער געזאַנג פון פעלקער און דאָס געזאַנג פון פרייען אידישן פאָלק אין דעם אַלגעמיינעם כאָר.

שלום אַש האָט אויך דערקלערט, אַז היטלער נוצט פאַר זיינע צוועקן דעם סם פון אַנטיסעמיטיזם און אַנטי־סאָוועטיזם אין דער זעלבער צייט. אָבער פאַראַן אידן, האָט אַש זיך געקלאָגט, וואָס זיינען סענסיטיוו בלויז צום אַנטיסעמיטיזם אָבער ניט צום אַנטי־סאָוועטיזם און באַגרייפן ניט, אַז וואו עס איז פאַראַן אַנטי־סאָוועטיזם מוז זיין אַנטיסעמיטיזם.

אַ געוואַלדיגן איינדרוק האָט געמאַכט שלום אַש׳ס דערקלערונג, אַז איין אידישער פּאַרטיזאַן איז פון גרעסערער באַדייטונג פאַר דער אידישער געשיכטע, פאַר דער עקזיסטענץ פון דער אידישער נשמה, איז מער קידוש השם, — אין זיין זכות וועלן מיר מאָנען יושר ביי דער וועלט, אונזערע קינדער וועלן זיך מיט זיי בענטשן, — איידער אַלע צייטונגס־פּלאַכטעס און ווערק פון די אַנטי־סאָוועטישע אידישע שרייבער.

אַנגעלאָדן מיט קידוש השם גייסט, וואָלט איך געזאָגט, איז אויך געווען די פייערדיגע רעדע פון ראַבאַי לוקשטיין. איך בין איינער פון די — האָט ער געזאָגט אויף אידיש — וואָס שטאַלצירן דערמיט, וואָס זיי זיינען פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער האָט שאַרף קריטיקירט יענע אַמעריקאַנער אידן, וואָס אין אַזאַ צייט פירן זיי נאָך חשבונות מיט די סאָוועטישע אידן. אפילו אויב דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל האָבן געזינדיגט פריער, און וואָס דאָס זאָל ניט זיין, א ו י ב ער האָט געזינדיגט — האָט ער דאָס שוין אויסגעקויפט און געלייטערט דורך זיין בלוט, דורך זיין מסירת־נפש און העלדישקייט, און זיך דערהויבן צו הייליגקייט. דער שכל־הישר דאַרף דאָך אונטערזאָגן, אַז ווער עס איז אַ שונא פון מיין מערדער איז מיין פריינט, זאָגט ער.

הרב לוקשטיין האָט גערופן ניט צו פאַרגעסן, אַז אויך ביים פרידנס־טיש האָט מען נאָך דער פאָריגער מלחמה די אידן איגנאָרירט, און אַז אויב נאָך דער איצטיגער מלחמה וועט מען די אידן בעסער אויפנעמען וועט עס זיין אין אַ גרויסער מאָס דערפאַר, וואָס דער סאָוועטישער פאָר־שטייער וועט דאָרטן זיצן.

ס׳איז אַ גרויסער שאָד, וואָס דער איינינקייט־קאָנגרעס האָט צוליב דעם קראַנק־ווערן פון דר. חיים זשיטלאָווסקי ניט געקענט הערן דאָס וואָרט פון דעם וועטעראַן פון דער אידישער קולטור און ליטעראַטור.

אין זיין שטאַטסמענישן מעסעדזש האָט חיים ווייצמאַן דערקלערט צווישן אַנדערעס:

„כ׳בין גליקלעך זיך אָנצושליסן אָן אייך ביי דער געלעגנהייט דורך

אויסדריקן מיין סאָלידאַריטעט מיט די אידן פון רוסלאַנד און אַלע בראַווע און העלדישע מענער און פרויען פון דעם פאַרבאַנד פון סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן אין זייער קאַמף געגן דעם אַלגעמיינעם שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט.

„אינמיטן פון דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס איז באַפאַלן אונזער פאָלק אין די נאַצי־אָקופּירטע לענדער, ב ר ע נ ג ט א ו נ ז ד ע ר ז י ג ר י י כ ע ר אַ נ ג ר י ף פ ו ן ר ו ס ל אַ נ ד ' ס ה ע ל ־ ד י ש ע אַ ר מ י י ע ן ט ר י ט ב י י ט ר י ט נ ע ע נ ט ע ר צ ו ד ע ר ש ע ה פ ו ן ב אַ פ ר י י אַ ו נ ג פאַר יענע, וועמען היטלער האָט געשוואָרן אויסצוראָטן. יעדער צוריק אָפּגענומענער דאָרף פון דעם נאַצי־אַריינדרינגער, יעדער צוריקגענומענער ישוב פאַרקלע־נערט די לײדן, וואָס האָבן ניט קיין גלייכן פון די מענטשן אונטער די קנאַפּל פון די בייזע קרעפטן.

„...די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און דאָס אַרויסגעבן די באַלפור־דעקלאַראַציע זיינען פאָרגעקומען כמעט גלייכצייטיג. די קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, וואָס איז געטאָן געוואָרן אין משך פון לעצטן פערטל יאָרהונ־דערט, האָט געשאַפן אַ געזעלשאַפט, וואו דער אַרבעטער געניסט די פולע פרוכט פון זיין אַרבעט, וואו פּראָגרעסיווע געזעצן פון לאַנד־באַזיץ און פאַרגעשריטענע פאָרמען פון קאָאָפּעראַטיווער טעטיגקייט האָט אָפּגע־שאַפט זייער פיל אומגערעכטיגקייט און שלעכטס".

„צוזאַמען מיט אַלע דעמאָקראַטישע קרעפטן פון דער וועלט פרייען מיר זיך מיט'ן וואַקסנדיגן פאַרנעם פון דעם נצחון פון דער רוסישער אַרמיי. צום 25טן יובילײ פון דער רוסישער רעוואָלוציע דריקן מיר אויס ניט נאָר אונזער סאָלידאַריטעט מיט'ן רוסישן אידנטום, נאָר מיר שיקן אונזערע פּראַטערנאַלע גרוסן צו אַלע פעלקער פון דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד. זאָל דאָס בלוט פון די בראַווע פאַרטיידיגער פון רוסישן באָדן און דאָס בלוט פון די קעמפנדיגע אידן פון פּאַלעסטינע און אַנדערע ערטער אונז צוזאַמענבינדן פאַר דער בויאונג פון אַ בעסערער וועלט פאַר אַלע פעלקער פון אַלע לענדער".

דר. חיים ווייצמאַנ'ס באַגריסונג און די אַרויסטרעטונג פון דר. איז־ראַעל גאָלדשטיין (וועלכער איז שוין לאַנג ניט קיין גאַסט אויף אייניג־קייט־מיטינגען און איז באַזונדערס טעטיג אין אידישן קאָונסיל פון דעם ראַשיען וואָר רעליף) האָבן ברייטער געמאַכט דעם פאַראייניגטן פראָנט פון אידן אין דער איצטיגער צייט. דער אייניגקייט־קאָנגרעס אין קאַרנעגי האָל האָט באַוויזן, אַז עס שאַפט זיך באמת אַ נאַציאָנאַלער אידישער פראָנט, נאַציאָנאַלע אייניגקייט פון די אידן אין אַמעריקע. דערמיט אַליין האָט דער איינשטיין־זשיטלאָווסקי קאָמיטעט אויפגעטאָן אַ היסטאָריש־וויכטיגע אַרבעט.

אַלגינ׳ס אַמעריקע איז אונזער אַמעריקע

(געשריבן צו זיין 3טן יאָרצייט)

אויף דער „איקוף״־אויסשטעלונג „פון 25 יאָר אידיש לעבן און שאפן אין סאָוועטן־פארבאנד״ געפינען זיך הונדערטער ביכער און דאָקומענטן. נאָר ווען מ׳זאָל אפילו מאכן אזא אויסשטעלונג אין מעדיסאָן סקווער גארדן וואָלט מען נאָך אויך ניט געקאָנט „דעקן״ אַלע אויפטוען פון דער טעמע פון דער אויסשטעלונג.

אָבער אמאָל איז גענוג אַ קליינינקייט, איין שטריך, איין מענטש, איין נאָמען, איין וואָרט, וואָס זאָל אייך מער דערציילן ווי טויזנטער ביכער. אזא וואָרט, צום ביישפּיל, איז „סטאַלינגראַד״. אזא נאָמען איז גענעראַל „לעוו דאָוואַטאָר״, אזא מענטש איז „ליודמילא פּאַווליטשענקאָ״.

אויף דער אויסשטעלונג געפינט זיך אַ נומער פון דער ציַיטונג „איינינ־קייט״, וואָס ווערט ארויסגעגעבן פון אידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין סאָוועטן־פארבאנד. האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיגן איינדרוק פון די אַלע הונדערטער אינטערעסאַנטע און באַלערנדיגע זאַכן גראָד אַ קליינינ־קייט: אַן אייגנאַרטיגע אונטערשריפט (פאַקסימיליע) אויף אידיש פון גענעראַל־מאַיאָר יעקב קרייזער. אָט־די „קליינינקייט״, האָב איך געטראַכט, האָט מער דערציילט וועגן אידישן לעבן און שאפן אין סאָוועטן־פארבאנד, ווי טויזנט ביכער.

פונקט אזא „קליינינקייט״ איז געווען מ. אַלגינ׳ס טשעק פון $11.73 — זיין פינאַנציעלע ירושה. דאָס האָט ווי אַ בליץ אויפגעלויכטן, אויפגעדעקט דעם גרויסן אונטערשייד צווישן דער „מאָרגן־פרייהייט״ — די צייטונג פון מ. אַלגין — און אַנדערע צייטונגען, און צווישן דעם רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט״ און אַנדערע רעדאַקטאָרן.

מ. אַלגין, די גאָלדענע פען און די גאָלדענע צונג פון דער ארבעטער־באַוועגונג, דער אומגעוויינלעך־פּראָדוקטיווער שרייבער און רעדנער אויף אַ ריי שפּראַכן, וואָלט דאָך מיט אַן אמת געקאָנט שאַרן גאָלד מיט לאָפּעטעס, ווען ער זאָל דאָס נאָר האָבן געוואָלט. האָט ער אָבער זיין גאַנץ לעבן גע־ווידמעט דעם ארבעטער־קאַמף, געווען אַ קאָמוניסט, רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט״. ער האָט אזוי ווייניג אינזינען געהאַט דעם פּרנסה־אינטערעס, אַז נאָך זיין טויט איז פון אים געבליבן אַ פינאַנציעלע

ירושה פון בלויז $11.73. פארגלייכט דאָס כאָטש מיט די פאַרדינסטן פון, להבדיל, א „פאָרווערטס"־רעדאַקטאָר.

אָלגינ'ס טשעק איז דעריבער אַ סימבאָל פון דעם ווירקלעכן אידעאַליזם פון דער אידישער לינקער באַוועגונג און פּרעסע. ווייל מ. אָלגין האָט מיט זיך פאַרקערפּערט דאָס בעסטע און שענסטע פון דעם אידישן פאָלק און פון דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס, סיי אין אייראָפּע, סיי אין אַמעריקע. און אָלגינ'ס אַמעריקע איז אונזער אַמעריקע.

אונזער לאַנד אַמעריקע קעמפט איצט אויף לעבן און טויט מיט די פאַשיס־טישע אַקס־מלוכות. און ס'איז וויכטיג מיר זאָלן קלאָרער באַנעמען אונ־זערע געפילן צו אַמעריקע און אונזערע פליכטן צו אַמעריקע. מיר דאַרפן

דאָס איז זיין אונטערשריפט אויף אידיש

דאַנקבאַר זיין דעם צופאַל, וואָס אין דעם בוך „אַמעריקע" (דער אָלגין־אָנדענק קאָמיטעט האָט עס פאַראַיאָרן אַרויסגעגעבן) געפינט זיך אַן אַנהויב פון אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, געשריבן פון אָלגינ'ען פאַר אַן ענגלישן פאַרלאַג.

ס'איז אָבער ניט נאָר אָלגינ'ס אויטאָביאָגראַפיע, ס'איז אונזער אַלע־מענס אויטאָביאָגראַפיע, ווי עס זאָגט זיך מיט רעכט אין פאָרוואָרט: „אין אַ באַדייטנדיגער מאָס וועט יעדער אימיגראַנט דערקענען אין אָלגינ'ס אי־בערלעבונגען זיינע אייגענע איבערלעבונגען".

דאָס בוך צעקלאַפּט אויך אגב אורחא די פּאַרלוימדונגען פון די דאַיעזעס, אַריינגערעכנט די אידישע, אַז קאָמוניסטן זיינען אויסלענדישע אַגענטן און ניט פּאַטריאָטיש צו זייער לאַנד. די גוואַלדיגע ליבע פון דעם אידישן קאָמוניסטישן פירער אַלגין צו אַמעריקע, וואָס איז פון אים אויסגעדריקט געוואָרן מיט יאָרן צוריק פאַר דער איצטיגער פאָלקס־מלחמה, ווערט ווידער פאַרוואַנדלט אין אַ סימבאָל און פאַרקערפּערונג פון דעם פּאַטריאָטיזם און ליבע פון יעדן קאָמוניסט, איד און ניט־איד, הי־געבוירענער און פרעמד־געבוירענער, ווייסער און נעגער. און ניט צופעליג געפינען מיר ביי אַלגין׳ען אַזעלכע נעמען פון קאַפּיטלען און אַרטיקלען, ווי „איך האָב ליב אַמעריקע״, „מיר, אַמעריקאַנער״, „איך דערפיל זיך פּלוצים ווי אַ טייל פון אַמעריקע״, א. אַ. וו. און גראָד צוליב זייער פּאַטריאָטיזם און שטאַרקער ליבע זיינען די קאָמוניסטן די גרעסטע קעמפער געגן די נעגאַטיווע, שאָטן־זייטן אין אַמעריקאַנער לעבן.

אין דעם לעצטן פון די אויבנדערמאָנטע קאַפּיטלען דערציילט ער אונז די געשיכטע מיט די צוויי אַמעריקאַנער פענדלעך, וואָס איז, ווי אַלגין אַליין האָט דערפילט, סימבאָליש פאַר דער ריכטיגער באַציאונג צו אַמעריקע. אַלגין זאָגט דאָרטן: „אַמעריקע איז געווען מיין אויסוואַל און ניט מיין לעצטער אויסוועג... איך בין געקומען קיין אַמעריקע, ווייל איך האָב געזוכט אַ ברייטערע פרייהייט...״ דאָ אונטערשטרייכט ער, אַז ער איז מער פּאַטריאָטיש פון אַ סך הי־געבוירענע יענקים, ביי וועלכע דער איינציגער צובונד צו אַמעריקע איז דער „אַקט פון גאָט״, דער צופאַל פון געבורט אין דעם לאַנד. ביי אַלגין׳ען, ווי ביי אַלע אי־מיגראַנטן, איז עס אָבער אַ באַוואוסטזיניגער אויסוואַל.

אַלגין שטרייכט אונטער אָבער און ווידער, אַז „כ׳האָב פון אָנהויב אָן האָלד געקראָגן דאָס נייע לאַנד, וואָס כ׳האָב פאַר זיך אויסגעקליבן״. באַזונדערס האָלד געהאַט, וואָס ער האָט אָנגערופן און לויטן אינהאַלט, וואָס ער האָט דערין אַריינגעלייגט, „דעם ברייטן שטראָם פון אַמעריקאַ־נער לעבן״. באַזונדערס ליב געהאַט „אַמעריקע ווי אַ פּראָבלעם, אַמע־ריקע ווי עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף איבערגעאַנדערשט ווערן, כדי צו ווערן מער פּאָלקאָם — אַמעריקע ווי אַן אויפגאַבע, וואָס שטייט פאַר יעדן בירגער״.

ס׳איז ניט קיין אַבסטראַקציע. אַלגין זאָגט: „מיר איז ליב די אַמע־ריקאַנישע רחבות. פאַרסט און פאַרסט און פאַרסט... אַ טאָג און צוויי און דריי און פיר... און ס׳איז אַלץ נאָך אַמעריקע... איך האָב ליב אַמעריקע פאַר דער אַמעריקאַנישער שפע... אַ לאַנד אַזאַ גרויס, אַ לאַנד אַזאַ גבורה׳־דיגס איז באַשטימט צו טאָן אויף דער וועלט גרויס־געשיכטלעכע זאַכן. אַמעריקע דאַרף דאָך ערשט אָנהויבן לעבן ווי עס פּאַסט איר...״

„אַ שיין לאַנד, אַ וואונדער־לאַנד, אַ צויבער־לאַנד — אָבער אַלע־

מאָל מוז מען צוגעבן, אז דאָס וואָלט ערשט ג ע ק א נ ט זיין א שיין לאַנד, א וואונדער־לאַנד, א צויבער־לאַנד".

וויל אָלגין האָט זייער גוט געוואוסט אויך די צווייטע זייט פון דער מטבע, די אמעריקאַנער אָדער קאַפּיטאַליסטישע קאָנטראַסטן: „גיגאַנטן־פאַבריקן — קאַרליקלעך־הייזער. רחבות אין פּראָדוקציע — דחקות אין אַרבעטער־לעבן. שוואונג און קראַפט אין פאַבריק און זאַוואָד — גראָקייט און צמצום אין מענטשן־קאָלעקטיוו".

מ. אָלגין

ווייל אַלגרין האָט זייער גוט געוואוסט אויך פון דעם „גיהנום ביי פּאָרד'ן", פון „דאָס בלוט פון מאַרטירער", סאַקאָ און וואַנזעטי, פון „טאָם מוני'ן אין געפענגעניש", פון די סקאָטסבאָראָ־אינגלעך, פון דער „טורמע אין אַטלאַנטאַ"... א. אַז. וו.

און געגן אָט דער נעגאַטיווער אַמעריקע האָט ער געקעמפט זיין גאַנץ לעבן און טאַקע צוליב זיין גרענעצלאָזער ליבע פאַר דער מער פּאָל־קאָמער, פּאָזיטיווער, „רחבות'דיגער", „שפע'דיגער", „גרויס־געשיכטלע־כער" אַמעריקע, „ווי עס פּאַסט איר..."

אַלגרין איז פאַרליבט ניט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אויך אין אירע שטעט: „די שטאָט ניו יאָרק האָט באמת פאַרמאָגט א צויבער, וואָס אין אייראָפּע זעט מען אַזוינס ניט". און דאָס זעלבע מיט שיקאַגאָ, פּלאַ־רידע, א. אַז. וו. ער האָסט אָבער גלייכצייטיג דעם „בעלט" ביי פּאָרד'ן, פּיטסבורגער „באַרג", סאַוט שיקאַגאָ... ער האָסט אפילו געוויסע אַמע־ריקאַנער ווערטער: „אין א ווינטערדיגן פרימאָרגן אין א קעלער אויף עסעקס סטריט, האָב איך זיך אויסגעלערנט א נײַ אַמעריקאַניש וואָרט — ס ט אַ ר ו ו ע י ש אָ ן".

אָט האָט איר אַלגרין'ס כאַראַקטעריסטיקעס פון גאַנצע שטעט אין איין שורה אָדער געציילטע שורות: „דזשעקסאָנוויל איז איין גרויסע ווערענדע"; „קאַליפאָרניע — דער גאָרטן פון אונזער לאַנד"; „וואַשינג־טאָן איז אַן „אָפּיס" מיט קוואַרטירן. עס קאָנסומירט, אָבער פּראָדוצירט ניט".

און דער עיקר: פון יעדער שורה אָטעמט אַרויס אַלגרין'ס גלויבן אין דער ליכטיגער צוקונפט, מיט וועלכן אויך מיר דאַרפן זיין דורכ־געדרונגען. און אַמבעסטן האָט ער דאָס אויסגעדריקט אין „א גרוס דעם נייעם יאָר" (יאַנואַר, 1938):

„עס איז דער פּסק־דין פון דער געשיכטע, אַז דאָס לעבן זאָל זיגן, אַז די טרעגער פון טויט זאָלן אָפּגעווישט ווערן פונ'ם פּנים פון דער ערד. עס איז א געזעץ פון דעם געזעלשאַפטלעכן אויפשוואונג, אַז די מחנות האָרעפּאַשנע מענטשן, וואָס רייסן זיך צו א ליכטיגן, ברייט־אָטעמדיין מאָרגן, זאָלן אומוואַרפן, צעזייען, פאַרטרייבן, פאַרווישן די טונקעלע מחנות, וואָס ווילן זיי פאַרצאַמען דעם וועג... שווער איז די מלחמה. געדיכט פאַלן די פּיילן. הייס איז דאָס בלוט, וואָס טריפט פון אונזערע וואונדן. אָבער פון דעם בלוט וועט אויפשטיין די פרייהייט... מיר באַ־געגענען דעריבער דאָס נייע יאָר מיט א האָפערדיג געמיט. זיי געגריסט, ניי־יאָר! דו וועסט אונז ברענגען פרייד".

אינהאַלט:

	זייט
א בריוו צו די לייענער	3
ערשט נעכטן איז עס געווען...	5
צעריסענע קייטן	12
10 טעג, וואָס האָבן אויפגעשטורעמט ליטע	17
שוואַלבן פון א נייעם פרילינג	21
דער אמת וועגן ווילנע	27
באמת א טשיקאווע געשיכטע	34
זיבעציג שיפן מיט צען־גאַרנדיגע ליגנס	38
די „שטומע" ווילנער אידן	41
דער שיר־השירים פון באפרייטן אידן	46
חיים גראָדע טוט זיי אָפּ אויף סאָוועטיש	52
א בריוועלע דעם ברודער	57
א מערקווירדיגער דאָקומענט	60
ביכער זיינען וואפן	65
א מוזיקאַלישע געשיכטע	69
טשעכאָוו און טאַגאַנראָג	75
כאַרקאָוו צוריקגענומען!	79
סאָוועט־רעגירונג ראַטעוועט א מיליאָן אידישע פליכטלינגען	81
די פסיכאָ־פּאַטאָלאָגיע פון אַנטי־סאָוועטיזם	83
די בריק פון אידישער אייניגקייט	86
אַלגינ'ס אמעריקע איז אונזער אמעריקע	90